STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02472

ERSHTER KUNST-KRITIKER

Hinde Zaretski

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

הינדע זאַרעצקי

*

ערשטער קונסט-קריטיקער

הינדע זאַרעצקי

ערשטער קונסטְ־קריטיקער

לידער

פאַרלאַג „ישׂראל־בוך״
הילפספאַנד פאַר יידיש־שאַפונג
תל־אביב, תש״ן — 1989

הינדה זרצקי

ראשון מבקרי האמנות

שירים

הינדע זאַרעצקי

ערשטער קונסט־קריטיקער

לידער

HINDE ZARETSKY

Poems

©
כל הזכויות שמורות:

Printed in Israel 1989

נדפס בישראל 1989

HINDE ZARETSKY
300 Bronx. Park East
Bronx. N.Y. 10467.

פאַרלאַג „ישׂראל־בוך"
הילפספאַנד פאַר ייִדיש־שאַפונג
רחוב איתמר בן־אבי 4, תל־אביב, ת.ד. 1777

Israel-Book Publishing House
4, Itamar Ben-Avi Str. Tel-Aviv, P.O.B. 1777

דפוס „שמגר 1986", ת"א, טל. 828704

קונסט־קריטיקער

ערשטער קונסט־קריטיקער

תּרח׳ס זון —
אַרויסגעגאַנגען באַטראַכטן
פֿאָטערס נחלה,
דערזען בלוי־ווײַסן הימל
טאָלן,
בערג,
פֿאַרבן
באַגילדט פֿון דער זון.

פֿאַרגאַפֿט בלײַבט ער שטיין
ניט קאָנענדיק באַשיידן —
שיינקייטן אין גאָטס וועלט.
צוריק אין פֿאָטערס געצעלט,
ווינקלען מיט פֿאָטערס יצירה
„מענטשלעך"
פֿון ליים געפֿורעמט.
ער רירט אָן
אַ ברעם,
אַ פֿינגער,
אַן אַקסל,
קיין סימן פֿון יצירה!
לויכט־אויף אין דמיון
אַ געטלעכער פֿונק:
מיט דלאָט אין האַנט
צעשטויבט ער די געפֿורעמטע
„מענטשלעך"
טורעמען אויף ריזנבערג
חומר
פֿאַר דור־דורותדיקער
יצירה —

חומר

פון חומר —
געפורעמט האָט עפּשטיין ערדישע מאַמע
זיצנדיק אויף ערדישער שטול.
דער זון אויף איר שויס,
אין חלל טראָגט זיך אַ קול:
„ניט דינען אַ טויטן גאָט!"

פון חומר —
אויסגעפורעמט האָט אַנטאָקאָלסקי
דעם אייביקן ייִד
וואָס וואָגלט דורך מאַינץ, וואָרמס,
בוכנוואַלד, טרעבלינקע, מײַדאַנעק.
זײַן תּפילה:
בטחון,
בטחון,
בטחון.

פון חומר אויסגעהאַמערט האָט
זשאַק ליפּשיץ אַן אַנדער גלאָבוס,
זאָגן וועלן מוזלמענטשן:
שווער די אַש־ביינער צו טראָגן
נאָך אונדזער דריטן חורבן.

שפּאַנט דער אייביקער ייִד
איבער געטע־לאַנד,
איבער שילער־לאַנד
ווי בלומען בליִען:
ליכטיק,
ראָז,
בלוטיק־רויט.

אויף פליגל פון צײַט

אויף פליגל פון צײַט
געפלויגן, געפלויגן,
אָנגעקומען
אויפן באָדן פון בטחון
געהערט אויסטערלישע רייד:
— אָדם, וואָס האָסטו געפילט
נאָכן ערשטן ביס
אין חוהס גן־עדן־עפּל? —
געפרעגט האָט איינשטיין.

געפילט האָב איך חוהס ליבשאַפט
נאָכן ערשטן ביס אין גן־עדן־עפּל.
זינט די טעג פון גן־עדן פאַרטריבן
ליב איז דיר גאָטס ערד?

— ס'איז דאָ
גראַנגל,
צער,
מאָרד
אויף גאָטס ערד.
ס'איז אויך דאָ
פאַרמעסט,
חלום,
בטחון,
אויף גאָטס ערד.
האָסטו געזען בלויע טײַכן,
בריקן וואָס לײַכטן ווי האַרפעס? —
כ'האָב געזען אויף בלויען ים
כוואַליעס שלינגען כוואַליעס
אויף בלויען ים...

חומש־מאַטיוו

— מרדכי לייבן

זינט אָדם איז געגאַנגען זײַן ערשטן גאַנג,
איבער תּוהודיקער ערד געזוכט אַ וועג,
און שווער געווען איז דער ערשטער פאַנג,
אין יענעם אָנהייב — אין די יונגע טעג;

דער באַק האָט דורשטיק געלעקט די גרעזער,
די ציג האָט תּמעוואַטע געקײַט און געקײַט,
געשפּרונגען איבער בערגלער האָבן דערשראָקענע העזער,
דערזען האָט אָדם דעם הירש אין דער ווײַט;

געצילט האָט אָדם אין די צווײַגן־הערנער,
דער שטיין איז געפאַלן אין אַ צווייטן שטיין —
הילך האָט געצייכנט דעם וועג מיט די דערנער,
פאַרגאַפּט איז אָדם געבליבן דאָרט שטיין.

אין קראַך פון שטיינער האָבן פונקען געפינקלט,
געציטערט האָט אָדם מיט געטלעכער פרייד —
אויף תּוהודיקער ערד האָבן שטערן געוווּנקען,
אַזוי דערציילט אָדם אין זײַנע פּשוטע רייד:

— חוה, חוה, דער וועג ז׳געווען אַ שווערער,
געבראַכט האָב איך גאָרנישט אויף מײַנע הענט;
שרצים און קריכער זענען געווען די שטערער,
נאָר דאָ אויף דער ערד האָב איך שטערן דערקענט. —

— דערקענט האָסטו שטערן, מײַן אָדם, מײַן קרוין,
און איך האָב אַ צווײַגל גענומען הײַנט פלאַנצן;
מירן גרייכן צום הימל — ליכטיק און שיין: —
פאַר גאָט דעם האַר לאָמיר אויספלעכטן קראַנצן.

✶

גערייליקט צו אַנאַ פראַנק

אין יענע טעג —
געזען האָב איך
געטאָ אין פלאַמען
אונטער שווייַגנדיקע
הימלען!

געזען —
אונטער ברענענדיקן הימל
פייַער־צונגען
אויסלעשן ייִדן —
גאָטס הייליקע
לאַמען...

זיבן פאַרבן

אין דער וועלט זענען פאַראַן זיבן פאַרבן,
ווייל דער מענטש די וועלט זאָל אַרבן
די שיינקייט, וואָס בליט אין פאַרביקן חלום,
די שיינקייט, וואָס איז דער אייביקער חלום — — —
איז דער מענטש איבער דער וועלט געגאַנגען;
אימעצער האָט שוין דעם אמת געפאַנגען;
האָט ער זיך פאַרנומען אויף אַ זײַטיקן וועג,
אַ בעטלער באַגעגנט, געטאָן אים אַ פרעג:
— זאָג מיר, דו אַלטער, זאָג מיר, איך פרעג,
ווו איז דער רעגנבויגן זינט גאָטס קין־טעג?

דער בעטלער ט׳געענטפערט, דורך אויגן אין צער,
און דערציילט דעם מענטשן פון ביטערן גזר:
— זינט קין האָט קעגן הבלען אַ שטיין געהויבן
קלאָגן ביז הײַנט די ערד און די שטויבן — — —
פרעגט אים דער מענטש פון גזר דעם באַשייד:
— העלף מיר, אַלטינקער, מיט דײַנע קלוגע רייד.
— קלאָג נישט, מײַן זון, איין פאַרב איז שוין דאָ,
צו געפינען נאָך זעקס וועט קומען די שעה.

איז געקומען דער מענטש מיטן בעטלער בײַנאַנד,
און געזען דעם חסד פון גאָטס גנעדיקער האַנט:
בן־אדם בויט, ער טוט פלאַנצן און זייען,
קינדערלעך לערנען, אין שולן זיי גייען,
מיט ליבשאַפט און חכמה שטראַלן זייערע אויגן,
דאָס זענען נאָך פאַרבן פונעם רעגנבויגן — — —
מיט שגעון איז געצונדן דעם קראַנקנס אויגן,
דער הקדש הענגט אויס פון רעטונג אַ בויגן.
אין וויי־געשריי פאַלט צו אַ מענטש אויף אַ שוועל,
טרייסט און גנאַד, — איז אַ פאַרב וואָס העלט.

אָדם האָט געוויינט, ווען ער איז פון גן־עדן אַרויס,
האָט אים חוה געטרייסט: „ס׳וועלן פאַרביקע זונען אַרויס.״
משה האָט פאַר זײַן טויט געקושט גאָטס זוים,
און גאָט האָט געזאָגט: „די גאַנצע וועלט איז דײַן היים.״
זענען אַלע געקומען אויף הר־ציון דעם באַרג,
איז געקומען דער אַלטער מיטן זאַק אויף זײַן קאַרק;
און אויפגעבונדן די זיבן געפונענע פאַרבן, —
פאַרן מענטשן, אויף אייביק די שיינקייט צו אַרבן.
דער אַלטער האָט געשטראַלט מיט זײַן ווײַסן געזיכט,
אויפגעלויכטן איבער וועלט האָט דאָס סיני־ליכט, —
שטראַלנדיק האָט ער זיך אין די הויכן געטראָגן
און ז׳אַוועק אין די הימלען אויף זײַן פײַער־וואָגן — — — —

אויף באַפּרײַטער ערד

זיבן קעמלען, אויערן — לאַצן צעשפּרייטע,
זיצן זיבן זעלנער פון יִדישן לעגיאָן גרייטע;

צו לאָזן זיך אויפן אײַנגעדרימלטן מדבר־וועג,
באַפּרײַען דעם באָדן אין אונדזערע שווערע טעג.

דער מדבר ליגט פאַרהוילן אין סודותדיקן דרימל,
אויף זאַמד־דיונעס שפּאַנען קעמלען צום הימל.

זינגען זיבן זעלנער שטיל, צום בורא, מיט בטחון:
„דו האָסט צוגעזאָגט אויסלייזן אברהמס שטאַם פון יאָכן".

אונטער דער מזרח־זון שרפהט דער מדבר־גוף,
שפּאַנען קעמלען אויף זאַמדן־טרעפּ אַרויף, אַרויף.

זעלנער־בליקן, ווי די אָדלער, זוכן דעם באַדײַט:
אויפשפּאַלטן רעטעניש פון ספינקס, אין דער נײַער צײַט.

פון יענער זײַט האָריזאָנט האָט זיך דערטראָגן אַ געזאַנג,
צו די זיבן זעלנער, אויף קעמלען אין מדבר־גאַנג.

דער וואַלד רוישט

כ׳האָב געזען
אַ ייִד מיט בלייכע הענט
פלאַנצן אַ צווייַגעלע
אויפן באָדן פון יהודה,
דאָס צווייַגעלע —
אָנזאָג אויף אַ סאָפּלינג.

כ׳האָב געהערט
וואָרצלען קושן רעגן־טראָפּנס,
שטאָמען זיך ציִען שלאַנק, הויך,
ביימער־קרוינען שמייכלען מיט צוויט.
כ׳האָב געהערט אַ ניגון
צום טאַנץ
פון בלעטער מיטן ווינט.

מיט בענקשאַפט
מיט ערפורכט
געשפּאַנט האָב איך
צו יענעם אור־אַלטן בוים,
וואָס האָט געטריפט מיט שלווה,
וואָס האָט געשפּרייט שאָטנס
איבערן קאָפּ פון פאָטער אברהם;
ווי יענע אורחים, זיך דערפרישט
מיט קרישטאָל קלאָרע וואַסערן —

רוישט דער וואַלד
און היט:
סוד
לעגענדע
טריט פון דערלייזער —

ער גייט
אויף זײַטיק־טיפֿע וועגן.
סאַפּלינגען
צעבליט איןביימער,
גרינע בלעטער פֿאַרהוילן
זיפֿצן —

זינט בית שני
ציט דאָס פֿאָלק אין היימלאַנד
אונטער דער שבֿועה:
„אויב כ׳וועל דיך פֿאַרגעסן, ירושלים״.
ניט ווערנדיק מיד כ׳גיי אין וואַלד,
געפֿלאַנצט פֿון מוטער שׂרה׳ס טעכטער.
דאָ איז גרויס דער וווּנדער:
דער וואַלד רוישט,
די צווײַגן־בלעטער פֿלאַטערן,
שטיפֿן קינדערלעך בײַם זוים פֿון וואַלד.

רוישט אַ וואַלד אַ יונגער,
ביימער־קרוינען צעגרינטע
ציִען צו בלויע הימלען;
שליאַכן שלענגלען זיך
פֿירן מיך פֿון יונג־וואַלד אַרויס
צו באַנעמען דעם וווּנדער,
צו זען דעם נס
אין אייביקן חומש־לאַנד.

פּליטים קילן וווּנדן אין שאָטנס פֿון וואַלד,
וווּנדן בימי חורבן שלישי.
סאַפּלינגען
אויסגעצײַטיקט אין ביימער

שמייכלען אונטער מזרח־הימל.
גאָטס טוי טרינקט אָן פלאַנצן,

די גאָלדענע זון
וואַרעמט דאָס האַרץ,
דעם אינגעווייד פון יונג־וואַלד.
צווייַגן געלאָדן מיט פירות:
אין ווייַנזאַפט רויטלען זיך עפל,
באַרן ווי גלעקער — פאַרהאַלטן קלאַנג,
פלוימען אין דופטיקן נעפל
חנדלען צו שאַרלעך־רויטע קאַרשן.

ווי אין חלום

אויפגעשטאַנען בין איך מיטן מאָרגנשטערן,
געגאַנגען, געגאַנגען אויף אַ ברייטן שליאַך;
דאָס איז געווען אינעם לאַנד פון תּנ״ך.
אַנטקעגן מיר אויפן מדבר־וועג דעם שווערן,
אָנגעקומען איז אַן אַלטער, די אַקסל געבויגן;
זײַן בליק קלאָר — געצונדענע אָדלער־אויגן.

די זאַמדן בלענדן אין ליכטיקן באַגינען,
דער מדבר ליגט אין סודותדיקן דרימל;
שפּאַנען מיר שווײַגנדיק אונטער גאָטס הימל.
אין אונדזער שווײַגן טו איך זיך באַזינען:
— טײַערער זיידע, ווּהין ציִען די קאַראַוואַנען,
בײַם האָריזאָנט, אַזוי ווײַט פון דאַנען?

דער אַלטער שטעלט אָפּ זײַן טראָט
ציט אַרויף דאָס קלומעקל אויפן פּלייצע:
— טאָכטער, וויניקער פרעגן איז מײַן עצה.
— שווײַגן, דאָס איז אַ הייליקער געבאָט.
גייען מיר און גייען ניט ווערנדיק מיד;
פאַרבײַ ציִען חיילים אין זיכערע טריט.

די מזרח־זון צעגיסט זיך איבערן הימל ווי ווײַן.
שפּאַנען קעמל אויף זאַמדן־טרעפּ אַרויף, אַרויף;
חיילים וואַכן איבער אויסלייזערין מיטן שלום־רוף.
אונטערן פלאַמיקן הימל און געטלעכער שײַן,
אויפגעלויכטן האָט דער אַלטער מיט אָדלער־אויגן
און מיטן קלומעקל, מיט מײַן חלום פאַרפלויגן — —

פאָרן חיילים און פאָרן אויפן ברייטן שליאַך,
צו פאַרהיטן די גיטער אינעם לאַנד פון תּנ״ך.

היימלאַנד

אַ חלום פֿאַרגייט ניט
מיט דער נאַכט
וויקל איך מײַן בענקשאַפֿט
אַרום דײַן ברעג
כּנרת
זילבער־וואַסערן
רוישן
רוישן מיט רויזן דופֿט.

צו דײַנע אַקסל
כּנרת
טראָג איך
מײַן חלום
איבער דײַנע בערג
איבער דײַנע טאָלן
פֿליִען טויבן
מיט זוניקן
פֿלאַם.

צו די אַקסל
פֿון דײַנע בערג
כּנרת — —
צו שלמה המלכס גיטער
צינדט פֿלאַם
מײַן האַרץ!

בײַ דײַן אַקסל
כּנרת —
שוועבט אייביקער
שוועבט אייביקער חלום — — —

רחל

(דער ישׂראל־דיכטערין רחל)

דײַן טאַטנס טיש האָסטו פֿאַרלאָזן,
אויך דײַן פּאַליטרע און די פֿאַרב;
אין לאַנד פֿון די אָבות זיך געלאָזן
אַ יונגע, אַ רײַפֿע ווי אַ גאַרב.

איבער ימען האָסטו זיך געטראָגן,
כוואַליעס האָבן געשלאָגן — לייבן־ווילד;
נאָך לאַנג ביז ס׳האָט גענומען טאָגן —
דײַן פֿלאַמיקן חלום אין שוימען געהילט.

דײַנע שעוראָענע שיך האָסטו פֿאַרשלײַדערט;
אין מדבר געברענט דײַנע באָרוועסע פֿיס;
דאָס גאָלדן־געשפּאַן פֿון זיך דערווײַטערט —
עבודה בײַם כּנרת איז דיר געוואָרן זיס.

דײַנע הענט געשטאַרקט בײַ דודס שטערן,
האָסט געמישט אַ פֿאַרב אינעם ווײַסן בלאָ;
די פֿאַרב האָט געבלענדט מיטן ליכטיקן שטערן,
איך דערקען יענעם מאַי — די אייביקע שעה — — — —

חוהס וויגליד

מײַן טײַערער זון, קין׳דל,
האָב ליב די זון, די פלאַנצן;
שפּיל ניט מיטן שפּיצן־שטיינדל —
אונטער דער זון פליטערלער טאַנצן,

מײַן טײַערער זון, קין׳דל,
האָב ליב די זילבער־טײַכן;
פון שטיינדל־שפּיל, מײַן קין׳דל,
זאָלסטו תּמיד ווײַכן, —
תּמיד ווײַכן.

מײַן טײַערער זון, קין׳דל,
האָב ליב צעגרינטע פעלדער;
ווײַך פון שטיינדל־שפּיל, מײַן קין׳דל,
האָרך שטילן סוד פון וועלדער,
סוד פון וועלדער.

מײַן טײַערער זון, קין׳דל,
האָב ליב די געטלעכע רו;
אָן שטיינדל־שפּיל, מײַן קין׳דל,
וועט זינגען דײַן מאַמע ליו־ליו,
וועט זינגען דײַן מאַמע ליו־ליו.

*

אויסגעשטראַלט
דער הימל
שווימען ווײַסע וואָלקנס
ווייכער
ווײַסער
ווערט פּוך
איבערן הימל.

פּוך־קישעלעך
שווימען
איבער
אַזור־בלויען הימל
פון האָריזאָנט
צו האָריזאָנט.

*

ווײַסע קישעלעך
טונקעלער ווערן
אונטער
פײַער־פונקען
אונטער רויך,
אין חלל
טראָגן זיך קולות
קולות אַ —
מיליאָן...

דאָס ערשטע וואָרט

דאָס ערשטע וואָרט —
ערשטע פרילינג־גרין
זאָגט אָן
דערפרייט
צייכן איך, צייכן
ביז ווייטאָג אין די הענט.

זוך דאָס גאַנצע
זוך שלימות
וואָס לויכט אויף
זאָגט אָן —
אויף פרילינגס־צוויט
הייבט אָן אָפּגיין
ווייטאָג פון די הענט...

בין השמשות

די זון איז פֿאַרגאַנגען פֿײַערדיק רויט,
הײַנט ווי אַמאָל אַ זון אונטערגאַנג
אומעט האָט איבער וועלט זיך געשפּרייט.

קוק איך אין פּנים פֿון בין השמשות,
די זון גיסט אויס דאָס האַרץ אין פֿלאַמען
שווימט מידער טאָג אין שווימיקע ימען.

ווען גאָט לעשט אויס דאָס ליכט פֿון טאָג,
דרימלען בלומען, שליסן זייערע ליפּן צו
גייט אויף איבער וועלט געטלעכע רו.

*

איך וויל
מענטשן
זאָלן
צו מיר קומען,
מענטשן
גיבן מיר
וואָס
רעגן און זון
מיינט
פאַר בלומען.

פלאַנץ איך
טוליפּאַנען
פלאַנץ איך
כריזאַנטעמען
אויסקלײַבן
שיינקייטן
אין גאָטס
וועלט —
ווייס איך ניט
די נעמען...

פונקען

געצונדן
די מנורה
האָט
האַנט
פֿון דער
השגחה.

אין חלל
פֿליִען
פֿונקען
באַלײַכטן
װאָלקנס
אונטער
גאָטס
אַש־גרויען
הימל.

וואָרט

יעדער
וואָרט
האָט
אַ מעשׂה
צו דערציילן,
נייג איך צו
אַן אויער:
די וועלט איז
פֿול
מיט ווונדער
די וועלט
אין פֿול
מיט
אייביקייט.

אַ זון־רויז פּאַר מײַן פענצטער

אַ זון־רויז פּאַר מײַן פענצטער,
פאַרשמייכלט האָט אויף אַלע
בלעטעלער, מיט זון־שטראַלן
געלויכטן און געוואַרעמט.
געוויקלט כ׳האָב זיך אין זון־שטראַלן,
געציילט, געציילט געלע בלעטעלער,
געלע לאַטע — מײַן „יחוס־בריוו" פון דורות.
ציילנדיק כ׳האָב זיך פאַרפּלאָנטערט:
אין אַ ציפער וואָס בריט מײַן האַרץ
די ציפער ציילט אימה, גרויל, —
דריטער חורבן.

פון פּלאָנטער באַפרײַ מיך, גאָט,
פון חשבון, פון ציילן באַפרײַ מיך.
שיק אויף דײַן וועלט אַ נײַ יוקליד,
נײַע עלעמענטן זאָל ער אויפמישן —
אויסברענען זאָל דאָס גרויל אין חלל,
וואָס טראָגט מיטן רויך שאָטנס
פון פאַרברענטע ייִדן.

פרינץ פון ליד

פרינץ פון ליד

(לזכר מאַני לייב)

שלאַנק ווי אַ גאַזעל
געגאַנגען איז דער פרינץ,
געזונגען פון בלימעלער,
געזונגען פון קרענצעלער,
געזונגען פון ניעזשין —
זײַנע הערלעכע געזאַנגען
דערנענטערט — היים.

געזאַנגען פון באָדן
געשטאַרקט זײַן טראָט,
געזאַנגען פון באָדן
אין צעפליגלטער שטאָט.

געזאַנגען —
אין ייִנגלישער שפּיל
געזאַנגען צום ייִנגל —
זײַן ייִנגלישע שפּיל:
שטיפער דו טײַערער,
הער אויס מײַן געזאַנג,
„ייִנגל צינגל כוואַט"
בראַוו זאָל זײַן דײַן גאַנג!

*

מיטן יִינגסטן באַגינען
האָט זיך דער דיכטער געפּעדערט
געקליבן לידער געסדרט,
האָט אַ ניגון געטאָן זיך שפּינען —
פון יענער זײַט טיר דער צעפּראַלטער
איז דער דיכטער געגאַנגען זײַן וועג
דורך צער צו אַ ליכטיקן ברעג
אַנטקעגן אַ וועלט אַ צעשטראַלטער.

דער ווײַסער זיידע

— לזכר ה. לייוויק

דער זיידע מיט די אייניקלער טוט זינגען און שטיפן,
פּאַר שיינדלען האָט ער אויסגעבויט אַ שיף צום שיפן,
פון גרינעם פּאַפּיר פּאַר דודן געמאַכט אַן עראָפּלאַן,
פּאַר שיינדעלען אויסגעמאָלן אַ בלויען פּעליקאַן;
די באָבע קומט אַרײַן זוכן דעם פּאַרשטיפּטן זיידן
האָבן די אייניקלער אין שפּיל אײַנגעפּלאָכטןביידן
זינגען אַלע אויף אַ קול: „מיט אַ נאָדל, אָן אַ נאָדל."
קומט אַרײַן די פּאַרזאָרגטע שכנה האָדל;
ציטערט אויף אַ שמייכל אויף איר בלייכן פּנים
ס׳פּאַרשווינדט די זאָרג — די געדאַכטע שׂונאים —
ס׳האָט דער ווײַסער זיידע מיטן ייִדישן ליד
דערפרייט די צעשראָקענע שכנה אין איר שווער געמיט.
דער זיידע מיט די אייניקלער טוט זינגען און שטיפן
פּאַר שיינדלען האָט ער אויסגעבויט אַ שיף צום שיפן.
שיינדלס חברטעס נייען אויך מלבושים און קליידלער
ס׳קומען אָן צו שטיפן נאָוואָטנינקע ייִנגלער און מיידלער.
אַרבעט מען דורכן גאַנצן טאָג
און די באָבע שׂרה טוט אַ זאָג:
לאָמיר אַרבעטן ביז דעם זון־פּאַרגאַנג
און ענדיקן די אַרבעט מיט גרויס געזאַנג —
דאָס ייִדישע ליד האָט דאָך אַלע טעמען,
דאָס ייִדישע ליד זינגט מען אויף אַלע ימען
בעקערס זינגען און באַקן ברוינע זעמל,
דער בעדויִנער זינגט בײַם אָנלאָדן דעם קעמל
פישערס זינגען אויף ברייטע זילבער־טײַכן,
דער בעל־עגלה זינגט און די פערדלער פּרײַכן.
דער שנײַדער זינגט ס׳העלפן אים די געזעלן,
די שנײַדערעכע זינגט, צעשמייכלען זיך די שוועלן.

אויף דער גרויער נאַרע אין סיביר דעם קאַלטן,
ביזן ליכטיקן ישׂראל אין קיבוץ דעם אַלטן, — —
זינגען בויער און קוויקן זיך מיטן יידישן ליד
זינגען פלאַנצער און ווערן ניט מיד.
דער שמיד זינגט צעשפּריצן זיך די פונקען
דאָס יידישע ליד האָט מען אין געטאָ אויך געזונגען...

דעם טאַטנס ניגון

אַ שטילער און אַ זיסער ניגון
וועקט דעם קליינעם מרדכין פון שלאָף.
תּפילות איבערן ספר זיך וויגן —
זינגט דער טאַטע די שטוב איַין צום שלאָף.

גאַפט מרדכי איבער ליכט מיט די פלאַמען,
שאַטנס — העלדן אין האַרץ זיַינס געוויילט:
זעט ער משהן שפּאַלטן פאַר ייִדן די ימען
די מעשׂה ווערט אין חומש דערציילט...

שוועבן טאַטעס אויף ווענט און אויף סטעליע
מיט ספרים, מיט פידלען, מיט בערד,
ווי קלעזמאָרים אין שטעטלס קאַפּעליע,
און אַ שׂמחה אין שטעטל עס ווערט.

טאַנצן באָבעס און מאַמעס און קינדער,
טאַנצט דער בויער, דער שניַידער, דער שמיד.
טאַנצט דער פּאַסטעך, זיַין פּיַיפל, די רינדער,
טאַנצט די פרייד מיט זיי אַלעמען מיט — — —

זינגט מרדכין אין האַרצן אַ ניגון,
דער טאַטע ווערט שירה אַליין —
ער הייבט זיך אויף מיטן ספר אין וויגן
און קושט די תּפילה: „אמן ואמן".

אין איר פּרדס

לזכר רחל ה. קאָרן

ס׳איז אומעטיק
אויף צעקריגטער וועלט.
ס׳איז אומעטיק
אין דערוואַרטן
איר ליד,
איר געזאַנג.

גיי איך אַרײַן
אין איר פּרדס
„אויף יענער זײַט ליד״
בלעטער,
בלעטער
איר פֿאַרלוסט —
פֿאַרלוירענער „ראָמאַן״
אויף וועגן —
נע ונד.

*

דורכגעווייטיקט
זיך געטרייסט
מיט וואָרט,
מיט ליד —
איינגעזאַמלט אין היכל
פון
אייביק,
אייביק,
ייִדיש וואָרט.

פאַרשפּעטיקט

לזכר שׂרה רייזען

אין דײַן טונקעלן צימער דעם קליינעם
פיר איילן אין לענג און אין ברייט
אויפן טיש ליגן ווײַסע פּאַפּירן,
פאַרנאַכטיקע טויבן־פליגל פאַרלייגט.

אײַלסט אַוועק איבער ליכטיקע גאַסן,
שפּינסט דײַן ליד אין גאָלד פון דער זון,
ליכטיקט זיך טאָג אַ טיפער, אַ בלויער,
טריפט דער הימל מיט פּיִאָלעטן גרין.

שפּאַנסט אַריבער דעם וואָכיקן לעבן —
מיט געזאַנג, מיט לידער עס שוימט,
לײַכט דער טאָג אַ הימליש שוועבן
זילבער־פּוך — גאָלדיק געזוימט.

גאָטס מתּנה

לאה׳ן

ביַי די קאַריבייער וואַסערן
איז אַ הירשין געוואַקסן —
שטיפעריש, שלאַנק און שיין.
ביַי די קאַריבייער וואַסערן
איז אַ הירש געוואַקסן —
ערנסט, שלאַנק און שיין.

האָבן זיך הירשן געטאָן זוכן
דורך טעג און דורך יאָרן,
דורך בערג און דורך טאָלן;
געשיקט האָט דער בורא שפּרוכן
געטלעכע פון הימל דעם קלאָרן:
— דער וועג זאָל גרינג זיַין, אָן עולן. —

האָבן וואַלד־ביימער געגומען רוישן,
זון דורך בלעטער גאָלד געטאָן האָט זיפּן
און אויף צוויי הירשן־קעפּ געלויכטן —
שיינקייטן אויף מינץ נישט צו טוישן;
אין אייביקער אחדות דאָס לעבן קניפּן,
גאָטס ברכה געזיגלט אין אָטעם באַהויכטן.

פּרדס צעבליטער

אין פּרדס פון מאַמע־לשון
שפּאַן איך —
איך שפּאַן מיט געזאַנג.
ריַיף איז דער פּרדס
פול איז דער שיַיער;
פּרדס צעבליטער
איז הייליק,
איז טיַיער.

איך פריי זיך —
וואונדער איבער וואונדער,
דער פונק צעפּלייצט פיַיער
פלאַמען פאַרווישן פּיַין:
טראָגן יורשים
אויף אָדלער־פליגל
מיַין געזאַנג:
— ריַיך איז דער פּרדס
פול איז דער שיַיער,
פּרדס צעבליטער
איז הייליק,
איז טיַיער.

שפּאַן איך צווישן ריזן־ביימער,
שפּאַן איך צווישן סאַפּלינגען —
ביימלעך יונגע דורכגעפלאַכטן
מיט זון־שטראַלן,
מיט ווינט,
מיט שטורעם,
גענערט פון הימל־טוי,
געקושט פון דער זון.

אין דאָקטאָרס וואַרט־צימער

אין דאָקטאָרס וואַרט־צימער
איז שטיל.
מען קאָן הערן דאָס געוויין
פון דער קראַנקער וועלט.

איינע, איבערגעריסן האָט
אין מיטן שרײַבן אַ ליד,
כּמעט בײַם סוף,
נאָר דער גראַם איז ניט געראָטן.

אַ שטאַרקער שניט בײַם האַרץ
ט׳אַרויסגעשלײַדערט די פעדער פון האַנט;
זיצט זי אין דאָקטאָרס וואַרט־צימער,
זי טראַכט פון אַ פּאַסיקן גראַם...

אויפֿן עראָפּלאַן

אויף פֿליגל פֿון שטאָל און פֿון חלום,
שוועב איך אין אַזור־בלויען חלל;

איך צי זיך צו סודות אין רוים,
צו בן־אדמס אויסגעבריטן טרוים —

כ׳פֿאַרנעם דורך שטילקייט אַ קלאַנג:
פֿון אייביקייט — דעם בוראס געזאַנג.

געצייכנט גאָטס האַנט — הימל און ערד,
וואַסערן געשפּרייט — די פֿרייד געווערט;

אין זעקס טעג געשאַפֿן זײַן ווערק,
טײַכן אין זילבער, טאָלן און בערג;

שטערן מיליאַרדן, גאַלאַקסן אין גרוי,
הימלען זיבן, זיי שטראַלן אין בלוי.

אויף פֿליגל פֿון שטאָל און פֿון חלום,
שוועב איך אין בלוי־ווײַסן חלל.

אויף שנייבערג געטורעמט אין הימל,
שלומערן בן־אָדמס חלומות אין דרימל —

אַ גן־עדן ווײַסקייט הילט אײַן דעם געביט,
כ׳ווער בלינד קוקנדיק אויף געטלעכע טריט.

נאָר דו

די האָרנדיקע לבנה — גאָטס הייליק פּײַפֿל,
שפּילט ער אויף זײַן פּײַפֿל דאָס געטלעכע ליד.
קומען זיך אָפּרוען בויער וואָס זענען מיד,
און חלומען אַרום דעם וווּנדער־פּײַפֿל.

שווימען שטערן — גילדענע לאָמען,
קרעפּטיקן די ביינער פֿון מידע בויער;
גאָט נידערט אַראָפּ — ער נייגט־צו זײַן אויער
צו געזאַנגען וואָס טראָגן זיך איבער ימען.

שטאָל, מירמלשטיין טוען די געזאַנגען הערן,
פֿון גרונט ביזן טורעם, די פֿרייד זאָל געווערן —
די שטאָט פֿון ווונדער, די שטאָט פֿון וואָלקן־קראַצער;

מיט געהויבענע הענט אַנטקעגן שײַן פֿון דער לבנה
עדהס בעטן: „בורא עולם, פֿאַרהיט פֿון אַטאָמישער סכּנה,
נאָר דו זײַ דער שופֿט, נאָר דו זײַ דער שאַצער".

ערגעץ דרימלען לידער

פיר מיך יענעם וועג
ווו לידער דרימלען,
אומעט
פאַרצערט
זוכער.

ערגעץ וואַרטן לידער
געדולדיק ווי גרעזער,
זאַפּטן
נערן
גרעזער.

שאָטנס שפרייטן וואַלד־שלייערן,
ביימער באַפּעלקערן וועלדער,
יאַסמין,
דעמב,
בעריאָזע.

ערגעץ דערפרייען לידער
גיי איך יענעם ערגעץ —
געפינען
סוד פון
נעקטאַר.

מײַן געבעט

צו די וואָלקנס
מײַן געבעט —
— לערנט מיך אָפּוויַיכן
ווייטיק פון מײַן האַרץ.
קאַרג איז מענטש
אין טיילן פרייד.

פאַרנעם איך זיך
אויף עלנט־טראַקט
אפשר, למזל, באַגעגענען
ר׳ נחמן בראַצלעוועס „בעטלער"
פון דער זיבעטער מעשׂה.
זאָל ער באַשיידן —
פאַרשפּעטיקטע פרייד
פאַרן עלנטן מענטש.

אפשר

לאָז אויפלײַכטן פֿאַר מײַן געמיט
אַ טאָג אַ לויטערן, אַ קלאָרן,
אַרויסוויקלען פֿון פֿלאָנטער־דאָרן
אַ וועג פֿאַר מײַנע מידע טריט.

אויף שליאַכן וואָס איך האָב באַטראָטן
ניט געטראָפֿן אַ צייכן אין שלימות —
ריסן, ריסן צעפֿליקטע חלומות,
צעשאָטענע בלעטער — שאָטן, שאָטן.

זאָל מײַן חלום אויפֿטויכן ווי דער פֿעניקס,
אויסגלײַכן מײַן רוקן וואָס איז געבויגן,
דורכברענען צײַט זאָל פֿײַן פֿון אבלים,
אָפּווײַכן טונקל־שלייערן פֿון מײַנע אויגן.

אפֿשר וועט מײַן האַרץ פֿרייד פֿאַרנעמען, —
וועלט וועט אויפֿלײַכטן פֿאַר מײַנע מידע ברעמען.

שעה פון געזעגענען

האַרבסט

א

הײַנט איז מיר אומעטיק און טריב —
דער אומעט איז מיר נאָענט אַזוי און ליב;

האַרבסט באָדט זיך אין זאַטקייט פון טעג,
מיט גאָלד שענקט ער אײביקייט זיך אַוועק.

גאַסן ציִען זיך, געהילט אין בלאָען ליכט,
מענטשן שטראָמען, מיט יום־טוב אין געזיכט.

ב

הײַנט איז דער טאָג מײַנער, אַ טאָג אַ גרויער —
טעג אַזוינע זענען שוין געווען אין מײַן געצעלט,
האָט גאָט געטאָן אָפּנייגן פון מיר דעם טרויער
און איבער מײַן הימל — אַ שטראַל צעהעלט.

שעה פון געזעגענען

א

דאָס ליד שרײַב איך
אין שעה פון געזעגענען
ר׳ מענדעלעס פערלוואָרט —
אַ האַלבן יאָרהונדערט
זיך געבאָדן געשווומען
אין ים פון זיידנס
אוצרות —
דערהויבן אין חכמה
פון שלמה ר׳ חיימס.

די קליאַטשע
געבראַכט האָט מיך
אין גלופּסק,
אין כּרך פון המון,
פאַרשמײַעטע ייִדן
מעקלער, פּראָצענטער,
פישקע דער קרומער,
די בלינדע ביילע וויינט.

ב

קוק איך
אויפן ליידיקן אָרט
די שויבן פאַרהאַלטן:
אָטעם פון זיפץ —
בענקען מיר ביידע.

דעם זיידנס יצירה
געפירט האָט מיך —
דורך פעלד,

דורך וואַלד,
געזעצן ביטערניש,
געזעצן קריוודעס —
פון מענטש צו מענטש.

ג

אין מייַן בענקען
בענק איך
נאָך
בנימין השלישי,
נאָך סענדערל די „ייִדענע",
נאָך די „רויטע ייִדעלעך".
פאַרנעם זייער צער
נאָך — האַנדל וואַנדל...

ד

לייַכט ר' מענדעלעס יצירה
אין היכל
פון ייִדישן־טעאָלאָגישן סעמינאַר
ציִען אַהין תּלמידים —
מארבע פּינות העולם
זוכן צוויבער אין ר' מענדעלעס
„ווינטשפינגער"...

איר געזאַנג

פאַר רחל ה. קאָרן

אין איר „דאָרף" ווער איך אָפּט אַנטרונען —
ציטערן מײַנע אברים ביז די שפּיצן פינגער,
שפּאַן איך איבער פעלד און וואַלד.
דאָרפס־לײַט אַקערן, הונגערן און זייען.

די פאַרלאָזטע יונג־פרוי
הונגערט אונטערן פלאָם פון לעבן, —
קינדערלעך
מיט אויפגעלאָפענע בײַכלעך וויינען, וויינען,
דורך די נעכט — — —

די אַלטע האַנקע
אָפּגענומען האָט קינדערלעך אויפן שוועל פון טאָג;
ווער קאָן דערציילן פון איר שליחות?
ווער קאָן דערציילן פון איר גוטסקייט?

איר אייניקל איוואַן
אויפגעהויבן האָט זײַן האַק,
איבערגעשניטן דער אַלטער האַנקעס גוטסקייט,
אויסגעלאָשן דער אַלטער האַנקעס ליכטיקייט.

איבער גרענעצן פון דער וועלט
געוואָגלט האָט די זינגערין פון „דאָרף";
אין אבלדיק געמיט אָנגעקומען
צו די ברעגן פון דער פרײַער אַמעריקע
אויפן יום־טוב פון וואָרט האָב איך זי געטראָפן,
אויפן יום־טוב פון וואָרט האָב איך זי דערזען — —

שׂרה בת טובים

— יוכבדן

מיט יום־טוב פול איז מײַן הויז,
יעדער ווינקל אַ תּפילה שוויַיגט אויס.

בין איך אָנגעזאַפּט מיט געזאַנג,
עס טראָגט זיך פון ערגעץ אַ קלאַנג.

אַ שטים פון מרחקים רופט אויס:
„טעכטער, פון יידיש־הויז קומט אַרויס,
„ניט וואַרט ביז דער דאַך פּלאַקערט אויף,
צו אײַך, ליבע טעכטער, איך רוף —

„דאָס געשטאַלט וואָס איך שיק אַרויס,
טראָגט מתּנות פּאַר קליין און גרויס;
„מתּנות געקליבן אויף גאָטס וועלט,
אויפגלויכטן זאָל אין אײַער געצעלט.

„טראָגט דאָס געשטאַלט אין קוישל מתּנות,
שפּילצײַג געשניצט אין האַלבע לבנות;

„פישעלער, פייגל, אלף־בית אויף קובן,
יידיש זאָלן קינדער רעדן אין אַלע שטובן.

„מאַמעס וועלן זינגען לידער, אין פרײַדן טײלן
קיכעלעך און מאַנדל־ניס און מעשׂיות דערציילן.

„פלאַטערן וועלן בלעטער פון ביכער־שאַנק אַרויס,
פול וועט זײַן מיט יום־טוב דאָס יידישע הויז."

און שׂרה בת טובים וועט טאָן און הערן,
פינקלען אין הימל וועלן גילדענע שטערן — — —

אַ מתּנה

גאָט,
שענק מיר אַ ליד,
אין איינפאַך פּראָסטן פערז;
כ׳וויל מאָלן
אַ פאַרנאַכטיקן געמיט —
דאָס אויסגיין פון אַ טאָג אין פעלד;
דאָס חלומען פון בלומען
אין שעה פון שקיעה;
דעם אומעט אין די אויגן
בײַם הירש אויפן באַרג;
דאָס געוויין
פון הונגעריקן וואָלף אין וואַלד,
און די תּפילה פון וואָגלער
אויף די וועגן פון דער וועלט.

אין מערב־זײַט

אין מערב־זײַט
רויטלט זיך דער הימל.
נאָך אַ טאָג איז פֿאַרגאַנגען
אויף יענער זײַט האָריזאָנט.
אין האַרצן כ׳זוך דעם באַגינען, —
איך זוך, יענע יונגע טעג.

אין מערב־זײַט
רויטלט זיך דער הימל —
נאַקעטע צווײַגן, ווי פֿינגער,
צייכענען אומעט אין חלל,
בענקשאַפֿט נאָך קנאָספּן אין בליִען,
בענקשאַפֿט נאָך בלעטער אין גרינען.

אין מערב־זײַט
רויטלט זיך דער הימל —

אָנקום פון טאָג

א.
בלייכט דער הימל,
בלייכער ווערט דער מאָרגן־שטערן
מיטן אָנקום פון טאָג.

טונקל שלייערן
ציִען זיך פון בוים, פון גראָז.
בלומען קעפּלעך דערוואַכן
פון נאַכטיקן דרימל.

שטראַלן קושן אָפּ טוי
צעעפּענען בלומען ליפּן
נאָך נאַכטיקן דרימל,
לויטער גייט אויף דער טאָג.

— געצוואָגענער הירש —
לויכט אויף דער זון,
אונטערן קופּאָל
שפּרייט גאָלד —
איבער בני־אדם
איבער בעלי־חיים

זון־שטראַלן קושן אָפּ
שווער געמיט...

ב.

בלייכט דער הימל.
בלייכער ווערט דער מערב־שטערן
מיטן אָנקומען פון טאָג.

טונקעלע שלייערן
ציִען זיך פון בוים, פון גראָז,
בלומען־קעפּלעך דערוואַכן
פון נאַכטיקן דרימל.

זון־שטראַלן קושן אָפּ דעם טוי,
צעעפענען בלומען ליפּן —
ראָז, געל, וויִאָלעט.
לויטערער, העלער טאָג קומט אָן.

דער בלינדער

דער טאָג האָט געבליט
מיט גאָלד און מיט ליכט.
מיר איז אַנטקעגן געקומען
אַ בלינדער מיט אַ קלוג געזיכט.
כ'האָב אים פּאַר אַ האַנט אָנגענומען
געפירט אויפן צווייטן זײַט ברעג,
ביז מיר זענען אַהין אָנגעקומען
האָב איך פאַרנומען זײַן וועג.

איך בין דער בלינדער מיטן קלוגן געזיכט,
ער פירט מיך אויפן צווייטן זײַט ברעג
דער טאָג הילט אים אײַן אין סוף זומער־ליכט,
ער דערציילט און דערציילט פון גילדענע טעג —
איך קלאַמער מיך אײַן אין זײַן וואָרט, אין זײַן קול,
ער פירט מיך אויפן צווייטן זײַט ברעג,
מיר גייען צום באַרג, דערבײַ איז אַ טאָל,
צו פרייד און טרייסט איז ווײַטלער דער וועג.

איך נייג צו אַן אויער. איך פאַרבײַס אַ ליפּ,
מיט גוטסקייט און טרייסט דערשלינג איך אַ כליפּ.
דעם בורא איך דאַנק פאַרן פירנדיקן קול.
מיט אַ פינגער איך ריר אָן די האַנט פון גנאָד
אין תּענוג דאָס האַרץ אַ דערוואָרעמטס קוועלט:
פאַר דער גוטסקייט און טרייסט איך דאַנק גאָט
ס'גייט־אויף אין געביין דאָס ליכט פון דער וועלט.

אין זכּרון בליט־אויף

א

וואָס איך האָב מיטגענומען
פון מײַן היים:
מײַן פּאָטערס נאַכטיקע תּפילות
מיט זײַן ניגון,
ספרים אין שוואַרצן אײַנבונד,
גאָלד־אותיות אויף רוקנס, —
אין אומעטיקן בליק אויף דער וועלט;

דער מאַמעס פאַרדאגהט פּנים
אין זאָרג,
ווי אויס׳סדרן די וואָכן און טעג;
די וואַקסנדיקע משפּחה
דאַרף אַ שוך, אַ קלייד,
און גאָטס וואָרט אין האַרץ.

מײַן רביצין שלמה חיים׳איכע
צעפּליגלט האָט דעם אלף־בית
יעדן אין דער פרי, —
ליכטיקער געוואָרן
ליטווישע פרימאָרגנס די גרויע;
געלערנט וועגן מוטער חוה,
איר חכמה:
אַרויסגעפּישופּט אָדמען פון נאַקעטן גן־עדן.

ב

אַליין פאַרפלאָנצט די זערנע —
אויפגעגאַנגען זענען פעלדער
מיט ווייצן און מיט קאָרן.
געלערנט וועגן מוטער רחלס טרערן,
באַוויינט האָט זי אירע קינדער אין גלות.

אין זכרון בליט אויף:
סוף זומער
שטעלט זיך איַין אַ יאָר־יאַריד,
איליאַ.
פון גאָרער וועלט סוחרים, הענדלער
באַלאַגערן די שטאָט.
גרויע געצעלטן ווי ריזן־שוואָמען
באַזעצן דעם מאַרק.

ציגייַנער טראָגן זיך אָן אין מאַרק,
פולע בוידן קינדער, בּישוף, רעש;
פערד בריקען דעם באָדן,
הייבט זיך אויף אַ שטויבן־מיראַזש.
ציגייַנערינס אין ליכטיקע קרעלן
וואַרפן קאָרטן, שמייכלען מיט פּערל־ציין.
די אַלטע ציגייַנערין היט איר יונגן ציגאַן,
דער ציגאַן טוט אַ סווישטש מיטן בייַטש
גלעט זי זייַנע פּיס,
קושט זייַנע גלאַנציקע שטיוול — — —

די מעבל־פּוצערין

פּאַרן ביכער־שאַנק
געטאָן האָט זי קניִען,
זיך געבוקט,
אַ שפּרונג אויף די ליפּן
געטאָן האָט בליִען

געשטאַלטן אין װוּנדער
געקוקט —
אויף איר בוקן זיך
געקוקט
אויף איר קניִען —
אָ, װער האָט אַזאַ
װאָרט צו זאָגן איר
לויב ?

די נעגער־סטודענטקע

זומער־זון פֿלאַקערט מיט שפּיזן־שטראַלן,
מידע מענטשן דרימלען איַין.
חלומט איינע פֿון אַ קאָטן־פּלאַנטאַציע,
זי הערט אַ מיידעלע אין קינדיש געבעט:
„מעמי, מעמי, —
נעם מיך מיט דיר, קלײַבן דאָס ווײַסע גאָלד".

לויפֿט איבערן פֿעלד אַ טשאָקאָלאַד־מיידעלע,
איר קאָפּ אַ קינקי־באַרשט;
הענטלעך שפּרינגען איבער צוויַיגן,
וואַרפֿן ווײַסע באַלן אין טאָרבעלע אַריַין.

דער ווינט גלעט צוויַיגן,
וויגן זיך ווײַסע באַלן אין בלענד;
זינגט דאָס מיידעלע פֿון „מאָזעס",
זינגט דאָס מיידעלע פֿון „לינקאָלן".

צעגיסט זיך אַ זיסער שמייכל
איבער לילאָס קופּער־צעגליטן פּנים,
ווײַסע ציינער בלאַנקען
אין דער ברענענדיקער זון —

אימיצער שרײַט אויס:
„ניגער! ניגער! אַרויס פֿון קלאַס!"
פֿאַלט דאָס פֿאַרשריבן העפֿטל
פֿון לילאָס איַינגעדרעמלט האַנט אַרויס:
צעקרימט זיך אַ שמייכל
איבער צוויי רייעס פּערלדיקע ציין,
אונטער דעם הימל, אונטער גאָטס זון —

דערוואַכט

דערוואַכט האָט דער גיבור פון דרימל,
אין גאַנג פּלאָנטערט זײַן ריזיקער טראָט;
דורך דורות אונטער גלייִקן הימל —
די עוולה ער וואַרפט אָפּ מיט שפּאָט.

ער וויל נישט קיין געטאָס, קיין צאַמען,
קיין באַזונדערע שול פֿאַר זײַן קינד;
ער וויל טרינקען שיינקייטן אויף יבשה און ימען
און די ברכות פון זון און פון ווינט.

דער ווינט טרײַבט די וואָלקנס מיט שטורעם,
די זון נערט די תּבֿואות אין פעלד;
דער בורא, אין זײַן געשטאַלט האָט געפֿורעמט
בני־אדם, און זיי פֿאַר נסיון געשטעלט:

מיט רחמים זאָל האַנדלען דער וועבטער, —
דורך מעשׂים שטיין פֿאַר וועלט אַ גערעכטער.

דער פּריצישער ברונעם

כ׳האָב ליב געהאַט
בלאָנדזשען
אויף פּריצישן באַרג.
אין היילן,
אין גריבער,
געקוויקט זיך
אין שאָטנס
אין שטילקייט.

פון דער שטילקייט
פון די שאָטנס
צום באַרג,
צום ברייטן שליאַך,
וווּ דער פּריצישער
ברונעם
וויגט זויבערע וואַסערן —
אין ברונעם
אויף שפּיגל־וואַסערן
באָדט די זון דאָס פּנים,
פרייט זיך מאָטל פּייסיס:
דאָס „מעסערל"
רוט אויפן גרונט
פון פּריצישן ברונעם...

פאַרשניטן

דין.
אַן אָפּגעבראָכן רוט.
טראָגסט זיך
איבער גאַסן
גרינג
אין דײַן שווער
געמיט —

שוואַרצאַפּל
אין דײַן אויג
פאַרלאָרן אין אַ שטרײַף
אַ ווונק —
וויִעס ציטערן
אין שרעק
אַ ביטערער שמייכל
אַרום ליפּן-ברעג.

דין.
דו אָפּגעבראָכן
רוט —
פאַרשמײַס דעם
גאָלדענעם פאַרנאַכט!
פאַרשמײַס די האַנט
וואָס האָט אַ צווײַג
צעשטערט — — —

מאַרטשבענק *

נאַכט, נעם די האַרנדיקע לבנה אין דײַן האַנט.
גלעט דעם שאַרף אויפֿן שווערד וואָס איז קאַלט.

גלעט דעם הונגער אין מיר וואָס פֿלוכט,
גלעט דעם פֿיבער אין מיר וואָס מאָנט;

שנײַד־אײַן טיף אינעם ווײַס פֿון מײַן האַלדז
זאָל אַ קרעכץ טאָן די נאַכט דורך מײַן האַרץ

זאָל אַ קרעכץ טאָן די נאַכט ווי אַ וואַלד,
ווי אַן אָנגעצונדן ברענענדיקער וואַלד!

שנײַד־אײַן טיף אין מײַן גוף ביזן ביין,
זאָל מײַן אָטעם אײַנזאַפּן װעלטס געוויין

זאָל מײַן בלוט גליווערן אין קעלט
ווי דאָס האַרץ אין פֿאַרבלוטיקטער וועלט,

נאַכט, גלעט די האַרנדיקע לבנה, גלעט דעם ראַנד,
וויש דעם פֿאַרבלוטיקטן שווערד מיט דײַן האַנט — — —

* יונגער דיכטער אין בערנאַרד שאָוס „קענדידאַ".

דאָס ערשטע וואָרט

דאָס ערשטע וואָרט,
ערשטער פֿרילינג־גרין
זאָגט אָן,
דערפֿרייט
אויף פֿרילינג־צוויט,
צייכן איך
ביז ווייטיק אין די הענט.

כ׳זוך דאָס גאַנצע,
כ׳זוך שלימות
וואָס לויכט־אויף,
הייבט אָן אָפּגיין —
ווייטיק פֿון די הענט...

דאָס טורעם־הויז

מײַן ערשטער שבת אונטערן דאַך פון טורעם־הויז;
שטיל, דער באַגינען איז אויפגעגאַנגען,
כ׳האָב געפּילט תּפילהדיק,
ווי מײַן טאַטע אַמאָל אין קלויז.

בלויער דער הימל האָט געבליט,
די זון —
קווינטן גאָלד איבער שטאַטישן פּאַרק האָט געטריפט,
זאַטע האַרבסט־ביימער צו מערב האָבן גענייגט.

גאָרנדיק ציט דער בנין צום הימל,
דער טורעם לויכט און היט
אַ 7 מאה׳דיק שטעטל;
איך קען ניט די שכנים, כ׳בעט:
— ווי פייגל אויף ביימער אין פּאַרק
זינגען זיך איבער האַרמאָניש,
אַזוי זאָל מענטש הויזן אין פרידן —

שטיפן קינדער צופוסן פון טורעם־הויז,
שוואַרצע יינגלעך, ווײַסע יינגלעך שלײַדערן באַלן,
פלינק ווי די האָזן יאָגן זיי אין גלײַכן טראָט;
אויפן מאַסטבוים אין גערטנדל פלאַטערן
שטערן־און־שטרײַפן
הער איך אייברעהעם לינקאָלן זאָגן:
„זײַט געבענטשט היטנדיק גאָטס געבאָט״.

מײַן ערשטער שבת אונטערן דאַך פון טורעם־הויז,
אין דער וואָך פון דער פרשה וילך;
כ׳בין געגאַנגען תּפילהדיק,
ווי מײַן טאַטע אַמאָל אין קלויז.

שקיעה

גאָט האָט מיט אַ גילדענער באַרשט געמאָלן דעם פאַרנאַכט.
געשטאַנען בין איך אונטערן הימל, כ׳האָב זיך דערפילט
ווי אַמאָל **רות**, אויפן פעלד פון **בועז**, אירע פיס געקילט;
אויפגעשאַרט פאַרבליבענע קערנער, און פאַר נעמי געבראַכט.

ווי איינע פון פאָלק, אָנגעלאָדן מיט פּײַן, מיט צער,
זיך געטרייסט מיטן ייִדישן גאַנג אויפן אייביקן וועג,
וואָס האָט דורך דורות אויסגעשמידט ליכטיקע טעג;
שווער דער וועג צו ליכט — דאָס איז דעם ייִדס שׂכר —

געטאָטעמט האָט דאָס פעלד מיט גרינסן, מיט תּבואה,
באַשווערט האָט גאָט זײַן פאָלק מיט אַ שבועה:
צו היטן דאָס תּהילים-געזאַנג וואָס וועט קומען.

דאָס פאָלק אין וואָגל דורך זײַנע גורלדיקע יאָרן,
האָט געהייליקט דאָס געזאַנג, דעם אייביק-קלאָרן:
מזמור לדוד, דור־דורותדיקן ניגון פאַרנומען.

אונטער אָפּענעם הימל

(לזכר אליעזר אראָנאָווסקין)

ער שטייט אונטער אָפּענעם הימל
ווי אַמאָל אין מדבר פֿאַרנאַכט
אין האַרץ דאָס שווײַגן פֿון הימל.

דער הימל אין פֿלאַמען געצונדן.
זון דעם האָריזאָנט האָט געברענט
אין גאַנג האָבן ייִדן געזונגען.

משה פֿאַר ייִדן דעם ים האָט געשפּאָלטן.
געהויבן האָבן זיך שוים־ווײַסע ווענט,
דער שׂונא האָט געיאָגט און געשאָלטן.

ישׂראלס טעכטער אין פֿריידיקן טאַנץ
געשפּילט האָט מרים אויפֿן טאַמבורין.
געפֿלאָכטן האָט זיך גרעסער דער קראַנץ.

ער שטייט, ווי אַמאָל, הײַנט בײַם מדבר
יום־טובֿ מיטן פֿאָלק טוט ער פֿאַרנעמען:
דעם זכות מיטן העראָיִש־גרויסן דור.

אין ליכט פֿון פֿאַרנאַכטיקן הימל,
לויכטן וועט זיך ייִדישער גלויבן:
ישׂראל אונטער זיכערן הימל.

האַרבסטיקע ווינטן

האַרבסטיקע ווינטן פּליקן די בלעטער
לאָזן דיביימער נאַקעט און הויל,
שײַערן ווערן פֿול מיט דער שפֿע,
מיט אויבסטן צום גרויסן פֿאַרטייל.

פֿאַווידלע און האָניק אין ערדענע טעפּ,
קאַלינעס זענען פֿול ווי צום פּלאַצן, —
אַ האַרבסטיקע סעודה סוף־זומער שפּעט,
טראָגן סאַרווערס אויף זילבערנע טאַצן.

דיניעס לאַכן אַ גילדנדיק געלעכטער
אויף פֿעלדער צײַטיקן אַרבוזעס;
מערן געזעגענען זיך מיט קרוינען־פּעכער
די שפּיל האָבן געפּישופּט טויזנט מוזעס.

האָבן פּויערן געבונדן פֿולע גאַרבן,
און געזונגען צום בורא אַ ליד:
„גאָט אין הימל, דײַן גאָב זאָל אַרבן —
דער מענטש זאָל לעבן אין זאַטקייט, אין פֿריד.

„דער וואָגלער זאָל ניט בעטלען אויף וועגן
ניט אויסשטרעקן אין ציטער זײַן האַנט;
גאָט, דו האָסט געשאָנקען אי זון, אי רעגן,
און קנאָספּן אין פּירות פֿאַרוואַנדט.

„אין פֿעלד האָסטו געוואַרעמט די זריעות,
אין אַנגסטן די זערנע פֿאַרטראַכט, —
פֿריד און רחמים — דײַנע נטיות
איבער פֿלאַנץ און בריאה געוואַכט״.

צו אַ וועוועריקל

דו יאָגסט זיך אום
צווישן דאַרע בלעטער ;
דײַן פּיצל גוף
ציטערט, ווי אַ בעטלער

בײַם אויסשטרעקן די האַנט
צו דער אביונדיקער וועלט ;
אַ פרעגצייכן דײַן ווײדל,
גליווערט אין גרויער קעלט.

פּלוצים יאָגסטו מיט אַ ניסל —
באַהאַלטסט עס אין דר׳ערד.
ווען צײַט צעמאָלט די בלעטער,
גראָבסטו אויף דאָס גריבל ערד,

און ציטערסט מיטן וואַרעם ניסל,
און קושסט עס מיטן פּײַכטן נעזל ;
אין הימל פרייט זיך דער באַשעפער,
אונטערן שניי — דאָס פרילינג־גרעזל.

אויף יענער זײַט פּריפּעט

אויף יענער זײַט פּריפּעט האָבן ביימער געבליט
ביימער־קרוינען אין פרילינגדיקן צוויט.

געשפּילט האָט דער פּריפּעט אין זילבער שײַן,
געיאָגט האָבן כוואַליעס אין כוואַליעס אַרײַן.

„געירשנטע״ גערטנער פון ייִדישע שכנים — פאַרטריבן,
צײַטיקע גרינסן, תּבואות אויף גערטנער פון ייִדן.

אָנגעזאַפּט מיט בלוט יעדער בייט פון געהרגעטע ייִדן —
ביז הײַנט טוט דאָס בלוט אויף גערויבטע גערטנער זידן.

איבערן וועג איז געגאַנגען רויִק אַ יונגע מאַטראָנע,
פאַרן הענטל איר זונעלע, אויף אַ קייטל די מאַדאָנע.

געטראָגן איר זונעלע הייזלעך פון בערעלע דעם שכן,
„אָפּגעשפּאָרט״ אין יענע טעג פון ייִדישע בראָכן...

געווען דאָ דער נאַצי, ער האָט שײַטער־הויפנס געצונדן,
אויף אייביק פאַרבלײַבן וועלן ייִדישע וווּנדן.

אויף אַן אינדזל

לאָמיר גיין פון דאַנען,
מײַן ליד, לאָמיר גיין;
ערגעץ איז אַן אָרט פאַראַנען
פאַר אונדז, לאָמיר גיין.

נישט שווער וועט זײַן
מײַן פאַרמעגן נעמען;
לאָמיר בײַ לבנה־שײַן
קיינעם ניט פאַרשעמען.

מײַנע דימענטן ניט געשליפן,
ניט געשמאָלצן איז מײַן גאָלד;
אויפן ים מײַנע שיפן
דער שטורעם האָט צעמאָלט.

לאָמיר גיין פון דאַנען,
מײַן ליד, לאָמיר גיין;
ערגעץ איז פרייד פאַראַנען,
פאַרקריצט אויף אַ שטיין — — — —

שניי אין מאַנהעטן

פאַר מײַנע מידע אויגן
פאַלט אַ שניי און פאַלט.
איבער מײַן האַרץ פאַרצוייגן
אַ ווײַסער ניגון שאַלט.

נידערן שנייען צום באָדן,
ווײַסע טויבן דרימלען מיד,
זינגען דיכטער אָדעס
פון שלום זייער ליד.

שפּרייטן זיך טיכער ווײַסע
אויף ווינטערדיקן גראָז;
זויבערט אַ ליכטיקע מעשׂה,
דערשראָקן יאָגט אַ האָז.

פלאַטערן ווײַסע שלייערן,
אין ווינטער־לאַנד איז שטיל;
אָטעם פאַרהאַלט אַ גייער
פאַרגאַפט פון גאָטס אַ שפּיל.

ווינטן טרײַבן שנייען,
פליטערלעך אין בלוי:
ווישט פון אויג אַ וואָגלער
פראָסטיק־קאַלטן טוי.

מאַנהעטן — אַמאָל אַמאָל

אויפֿן אינדזל מאַנהעטן זענען וועווערקעס געשפּרונגען,
ציגן־בערד אָפּגעווישט האָבן שטויבן פֿון גראָז;
ברוינע קינדער האָבן געטאַנצט און געזונגען,
אויף אַ בערגל געגאַפּט האָט צעשראָקענער האָז.

טאַטעס געשאָסן האָבן פֿײַל אויסן בויגן,
מאַמעס מיט קינדערלעך אויף פּלייצעס
ערד אויפגעגראָבן, צו פעלד זיך געבויגן;
קוקורוזע געשטויסן, אייזלען געצאַמט אין לייצעס.

וויגוואַמס געפּוצט האָבן מיידלעך די יונגע,
האַידאַ! געיאָגט איבער מאַנהעטן־פעלדער
האָבן יונגען רײַפע לידער געזונגען,
ביימער געבאָוועט אין היימישע וועלדער.

פֿײַער־טענץ אויסגעפּירט אין טונקעלע נעכט,
פּרינצעסין פּאָקאַהאָנטעס שענסטע מיידל איז געווען;
דורך בויגן־פֿאַרמעסט האָבן בחורים אין געפעכט
פאַר דעם שענסטן מיידל־פּרינצעסין זיך דערזען.

אויפֿן אינדזל מאַנהעטן

א

אַנפּאַרטרויט האָב איך דיר, אינדזל מאַנהעטן,
מײַנע אַנדערהאַלבן צענדליק יאָר, פֿון דער ליטע, מײַן אומעט —
דײַן רעגנבויגנדיקער שטראָם, דײַנע טויזנטער געוועטן.

ביז הײַנט לאָקן מיך אַלע דײַנע זיבן חנען:
דו, וואָס כאָוועסט אויס אין האָרץ אַ ליכטיקן אומעט,
דו פֿאַרשעמסט, דו דערהייבסט אַבט מיליאָן אַליינען.

דײַנע געביידעס — אור־חיות שטרעקן זייערע העלדזער אין חלל —
גיבורים טראָגן אויף זייערע אַקסל דורותדיקע מי;
פּיאָנערן האָבן אויסגעהאַמערט אָט דעם וווּנדער־חלום.

אין דײַן רעגנבויגנדיקן שטראָם, אינדזל מאַנהעטן,
האָבן זיך מער ווי איינמאָל געבראָכן מײַנע מידע קני —
ווען דער בויער ווערט אַ „נול” אין מיטן דײַנע טויזנטער געוועטן.

איבער דײַנע עוועניוס, צווישן דײַנע הימלקראַצער,
געזוכט האָב איך דעם גײַסט פֿון לינקאָלן דעם באַפֿרײַער —
איז ווער פֿאַרמאָגט די נחלה און ווער איז דאָ דער שאַצער?

ב

אַ גילדענער האָן אויף אַ קלויסטער,
דער טורעם אויף עמפּייער סטייט —
נעם איך אַרויס אַ בלעטל פֿון רייסטער
און דערצייל ווי די מעשׂה גייט:

פּאַר מעסערס, און קאָלדרעס, און צירונג,
האָבן די אינדיאַנער דעם אינדזל פֿאַרהאַנדלט;

האָט זיך איַינגעשטעלט אַ נײַע פירונג, —
מאַנהעטן אין אַ שטאָט פאַרוואַנדלט.

זענען שיפן איבער ימען געשווומען,
מיט פעק, און מיט זעק, און מיט פראַכט;
עמיגראַנטן זענען פון וויַיטע לענדער געקומען,
גלויבן, ירושה אויף נײַעם באָדן געבראַכט.

הײַזער האָט מען פון קאָרע געמאַכט,
ביימער צעזעגט — אויף האָלץ צעשניטן;
משפחות האָבן איבער זייערע היימען געוואַכט,
גלויבן, רעליגיעס האָט מען ניט געביטן.

אויף אַכצן לשונות האָבן פעלקער גערעדט,
שכנים האָבן בשותפות געהאַנדלט, געבויט;
יעדער צו זײַן גאָט — אין תפילהדיק געבעט:
„דאָס מזל זאָל באַשיצן פון הונגער, פון נויט".

דעם באָדן געפלאַסטערט, געלייגט שטאָלענע שינעס,
לאָקאָמאָטיוון האָט מען מיט פּאָמפּע געלאָזן אין גאַנג;
אונטערן פרײַען הימל געגלאַנצט האָבן שינעס,
באַנען האָבן געטאָן לויפן מיט גלעקל־געקלאַנג.

דורך האַנדל און וואַנדל האָבן זיך כּוחות פאַרמאָסטן,
אין קלאַסן צעטיילטע האָט די שטאָט געברויזט;
סוחרים און הענדלער האָבן אין חשבון אין פראָסטן,
מיט בויער און מײַסטער מער ניט געהויזט —

האָט דער האָן אויפן קלויסטער זיך צעבייזערט, צעפלאַטערט:
„אין גאָרטן, אויף בייטן וואַקסט ניט קיין טורעם! —
בויער און מײַסטער האָבן יאָרן געפּטרט
צו באַקרוינען די שטאָט אין איר ליכטיקן פורעם".

דרײַ ניגונים

צו פיר יאָר
האָב איך פאַרנומען ביטערע רייד —
קישינעווער פּאָגראָם
שחיטה־שטאָט
דאָס האָט אָפּגעטאָן פון מיר
מײַן קינדישע פרייד,
דאָס ליד:
„אויפן פּריפּעטשיק ברענט אַ פײַערל.״

כ׳האָב פאַרלאָזט די שטאָט
פון זיבן קלויסטערס
די שטאָט פון בײַכיקע רייסטערס,
דאָס לאַנד
פון פּאָגראָמען
פון שחיטת־נפש.

זיך געלאָזט
איבערן אַטלאַנטיק,
אָנגעקומען
אין לאַנד
פון גאָלד און פרײַ.

און דאָ —
אין לאַנד
פון גאָלד און פרײַ
האָבן זיך
מײַנע פיס געשטאַרקט
אין פּראָצעסיעס
פאַר מער ליכט,
פאַר מער זון.

*

איינמאָל
אין אַ שמיטה
האָט מען געדאַרפט
באַנײַען די פּראָצעסיע.
האָבן זיך צוויי כּוחות
פאַרמאָסטן
גלײַך־אויף־גלײַך!

פּופּציק טויזנט
האָבן געשטראָמט ווי אַ טײַך
איבער גאַסן, איבער עוועניוס
פון מאַנהעטן.
איך האָב געבענטשט
יענע בויער
וואָס האָבן אויפגעשטעלט ווענט
ווי כ'האָב צוגעשפּאַרט אַן אַקסל,
אָפּגערוט מײַנע מידע קני.

אַ פּאָליציי־מאַן
איז פאַר מיר געבליבן שטיין
אַ בלויע פלאָש:
— טאָטעטער! —
קאָנסט דאָ ניט שטיין
ביסט ניט באַלעבאָס
פון דער וואַנט!

אָ, איך נעם ניט צו די וואַנט;
דער באַלעבאָס
איז געבוירן געוואָרן
מיט אָט דער וואַנט?

פאַר אַזוינע רייד, טאָכטער,
שיקט מען אַרויס פון לאַנד!
יאָ, מען שיקט צוריק!

אַ שיף שווימט אויך אָפּ קיין אירלאַנד! —
האָב איך צעשטערט זײַן יענקע־בריק.

בגילופנדיק
האָט ער צו מיר געלאַכט
און „פּאָטערלער" געדריקט מײַן האַנט.

*

די היימאַרקעט מאַרטירער
האָבן פאַר אונדז געשעפט
פולע הויפנס ליכט:
אַכט שעהיקן אַרבעטטאָג —

מיר —
די פופציק טויזנט
האָבן געוווּנען
פינף־טאָגיקע אַרבעט־וואָך.
דעם גאַנצן שבת פאַר זיך!

בריוו

✶

דאָ —
אין לאַנד
פון גאָלד און פֿרײַ,
האָב איך דעם רעכענונג
פֿאַרלוירן.
טאַטעניו, ליבער,
וועלכע סדרה גייט די וואָך?
פּלאַטערט פּאַר מיר אויף אַ ניגון
ויאמר אדוני,
הער איך ייִדן מעביר־זײַן די סדרה,
זע איך ייִדן שלײַדערן
פון זיך דעם יאָך!

מיטן שבת דעם באַפרײַטן
זענען מיר געגאַנגען
זינגענדיק אַן אַנדער
ניגון:
„ברידער מיר האָבן געשוואָרן." *

---

* פון דוד עדעלשטאַט אַ ליד.

אַ בריוו צום זיידן

איז זײַן 70סטן יאָרצײַט

טײַערער זיידע ר' מענדעלע,
איך לייג אַוועק „שלמה ר' חיימס",
ווי מײַן פֿאָטער דעם ספר
פלעגט קושן מיט אַ לויב
צום בורא עולם
און צום לאַנד פון די אָבות.

זינט איך האָב אין טעם פאַרזוכט
דעם אַלף־בית,
די ברכה „מודה אני",
ביז הײַנט —
האָב איך דעם וועג דעם ליכטיקן
ניט אויסגעביטן.
דורך נויט, דורך צער, —
אַנטקעגן אַ געזאַנג כ'בין געגאַנגען;
דאָס געזאַנג פון מאַמע־לשון
איז מײַן פרייד, מײַן שׂכר —
אויף דעם וועג דעם ליכטיקן
איך בעט, איך טו תּפילה:
מײַן לעבן זאָל ניט ווערן אויסגעלאָשן,
ביז כ'וועל דערציילן וואָס כ'האָב געהערט.

אויפגעטויכט האָבן פאַר מיר ניגונים:
„אין דער סאָכע ליגט די מזל־ברכה",
„מיר ווערן געהאַסט און געטריבן",
„מיטן וואַנדער־שטאָק אין האַנט",
„עוד לא אבדה תקותנו" און
„מזמור שיר ליום השבת".

טײַערער זײדע ר׳ מענדעלע,
דאָ, אויף נײַעם באָדן,
היט מען די גאָלדענע קייט —
רינג אין רינג פלעכט זיך דער אייביקער ניגון:
מאָטל פייסע שפּאַנט אַנטקעגן אַ פאַריתומטער וועלט,
מאָטל פייסע שפּאַנט מיט געזאַנג
און ס׳איז פּקוח זײַן ניגון —

טײַערער זײדע ר׳ מענדעלע,
דעם בריוו שרײַב איך אונטערוועגנס,
די באַן שלינגט, שלינגט רגעס
און פירט מיך צום יום־טוב פון וואָרט,
קום איך ווידער צו דערציילן:
זינט איך האָב אין טעם פאַרזוכט
דעם אַלף־בית,
די ברכה „מודה אַני",
טונק איך מײַן האַרץ אין מאַמע־לשון,
איך בעט, איך טו תּפילה, —
מײַן לעבן זאָל ניט ווערן אויסגעלאָשן
ביז איך וועל דערציילן,
וואָס איך האָב אויף נײַעם באָדן געזען,
וואָס איך האָב אויפן יום־טוב פון וואָרט געהערט.

משה לייב האַלפּערן

אין זײַן 50סטן יאָרצײַט

ניט געשטאָרבן איז משה לייב,
נאָר פאַרטראָגן — אַוועקגעשווומען
אין אַ ווײַטן, ווײַטן לאַנד
איז משה לייב...

אַ ים־קעניג מיט אַ זעגל־שיף
האָט געלאַנדט אויף אונדזער ברעג;
און באַפּוילן רעגן און זון צו פאַרבן
אַ בויגן איבער טאָלן און בערג.

דער ווינט האָט די זעגלען אָנגעצויגן,
דער רעגן און די זון
האָבן געפאַרבט דעם בויגן,
דער קעניג איז צום שיף געקומען מיט משה לייבן.

געשווומען איז די שיף
אויף שפּילעוודיק ווײַסן שוים,
און געטראָגן משה לייבן
אין אַ וועלט פון טרוים...

ר׳ שלום עליכם דערציילט

— פון די טיפענישן פון ייִדישן פֿאָלק,
דער גוזעלן־יונג געזונגען האָט זײַן ליד,
דאָס שטובמיידל — נישט געוואָרן איז מיד
זינגענדיק צו איר חתן פֿאַרשיקט אין „פֿאָלק"
און דאָס אייביקע וויגליד פון דער מאַמען;
דער טאַטע, מיט אַ ברכה אויף זײַן צונג,
געטײַטשט האָט שיר־השירים פֿאַרן שנײַדער־יונג.
דער בעל־חלום געשוועבט האָט איבער שבעה ימען: —

— געזען האָט ער אביונות צווישן כּשרע ייִדן,
מיט תּפילות אין האַרצן אויף בהלה־יאַרידן;
מיט ליבשאַפט געקוקט אויף „הענדלער" אין חידוש:
אין האַנדל־וואַנדל ניט פֿאַרגעסן די הייליקע פּסוקים,
אָפּגעהיט תּרי"ג מצוות אין דעם בורא׳ס חוקים,
געפלאָכטן לשון־קודש מיט מאַמע־לשון ייִדיש.

בריוו

— ח. גוטמאַנען (דער לעבעדיקער)

דאָס שטעטל פּעטריקאָוו איז גאַנץ אין אַלע פיר סעזאָנען:
אין פרילינג שפּיגלען אירע טײַכן אָפּ די זיבן הימלען,
זומער זענען סעדער און גערטנער צעבליט מיט זעט,
האַרבסט — איין גראָע כמאַרע, ווינטער — אַ מעשׂהלע אין דרימלען —

אַ נײַס נעמט אויף דאָס שטעטל ווי אַ שוואָם נעמט אויף רעגן,
און צעטראָגט עס ווי די וואָלקן פונעם ווינט: —
„ר׳ עליעס זון אין נייעראָק אַ שרײַבער איז געוואָרן".
זיפצט דאָס גאַנצע שטעטל: „וויי איז מיר און ווינד".

מאַכליע רחל פאַרדראָטעוועט די נײַס אין שטעטלס טעפּ,
דער שמש ישׂראל נח פאַרקראַצט אין באָרד אַ פראַגע:
„אַ סברא ר׳ עליעס זון חיימקע וועט קיין רב ניט ווערן?" —
אויף אייביק ווערט פאַרצויגן איבער שטעטלס קאָפּ אַ דאגה.

איך זע ר׳ עליען גיין מיט ווײַסער, פלאַטערדיקער באָרד,
מיט סוקעוואַטן, ברוינעם שטעקן אין זײַן האַנט;
ער גייט טאָג־אײַן, טאָג־אויס אויף פּאָסט
נאָך בריוו פון זײַן מיזיניק אינעם ווײַטן לאַנד.

אינמיטן טאָג רײַסט אויף די שטילקייט אַרום קלויסטער־גאַס:
ס'אײַלט אַרויס אַ שייגעץ מיט זײַן בלאָנדער גריווע,
מיט אַ לײַווענטענעם זאַק פאַרצויגן איבערן קאַרק
ווי אַ גוטער שליח — טיילט ער יעדן איינעם בריוו.

אָט נעמט אַראָפּ ר׳ עליע אַ פּעקל בריוו
און דאָס יידיש בלאַט פון וואַרשע גופא.
ער לייענט יעדע שורה, יעדן וואָרט —
אַלץ וואָס מ׳האָט געשריבן אין דער גאָלדענער תקופה.

דער ווײַסער אָדלער

(אַ יאָר אַן לײוויקן)

אַ ליד ווערט געבוירן
אין צער און אין פרייד;
אַ ליד ווערט געבוירן,
ווו דער זינגער גייט — — —

איז דער זינגער געגאַנגען,
פון אָרעם שטיבל אַרויס
און געטראָגן געזאַנגען
דער וועלט וואָס איז גרויס.

עלנט געזען, הונגער און נויט,
זיך געוויקלט אין ווינט און זון,
ווי דער אָדלער פליגל געשפרייט —
געשוועבט צו אַ ליכטיקן טריבון.

איז דער אָדלער געפלויגן, געפלויגן,
פערלמוטער שנאָבל ט׳געשניטן די לופט,
קלאָר, מיטן בליק פון אָדלער־אויגן,
אויף בערג די זינגער ער רופט — — —

אין כאָרן זענען זיי אָנגעקומען,
געפורעמט האָט יעדער זײַן קול;
דורך ליד פרייד און ליכט געשפונען —
געזאַנגען געטראָגן אויף באַרג און טאָל.

און פייגל האָבן נעסטן געפונען
געפלאָכטן פון צווײַגן און בלאַט —
געלויכטן האָבן געטלעכע זונען,
איבער זייער חלום און טאַט — — —

דער אָדלער אין זײַן הערלעכן פלי
אויפן װעג איז פאַרװוּנדעט געװאָרן;
ניט געמינערט אין בליק איז זײַן גלי
און שײנקײטן זענען קלאָרער געװאָרן:

אין דמיון געשװעבט אויף באַרג־שפּיצן,
דער פלי געװען איז װוּנדערלעך שײן;
געזאַנגען הערלעכע געטאָן פאַרקריצן,
טריב דעם זינגער צו פליִען אַלײן — — —

איצט שפּרײט זיך אַ ליכטיקער אָרעאָל
איבער זײַן קאָפּ און הויכן שטערן;
די װײַסע טויב פאַרשטײט אָן אַ קול —
דורך אַלע חושים טוט זי אים הערן.

און זי פלאַטערט זאָגנדיק שטיל:
— אין אונדזער פרײד און פּײַן,
אין ליכטיקײט טו איך דיך הילן,
דײַן רעכטער פליגל װעל איך זײַן;

— זיך צוהערן צום שװײַגן פון די בערג.
דעם באַשאַפער פון אַלע װעלטן פרעגן:
„גאָט, װאָס טוסטו מיט די אָפּגעשטעלטע װערק,
װוּ האָסטו זײ פאַרהוילן, אויף װעלכע װעגן?"

— װעל איך אויף יענע װעגן גײן און גײן,
איך װעל נישט װערן מיד,
קלײַבן יעדן צײכן אויף גראָז און שטײן
און אויפזינגען װעסטו דײַן אײביק ליד.

ראָדענס יצירה

גאָטס האַנט
געפּישופּט אין ראָדענס יצירה
בלענדט דער אַלאַבאַסטער
אין ווײַסן צויבער.

דער דענקער
זיצט געבויגן
אָנגעשפּאַרט אויף אַ האַנט
אָדערן אָנגעצויגן
בוימײַסטערס
אויסגעהאַמערט טורעמס
אונטערן בלויען קופּאָל
שטעכן דורך הימל וואָלקנס
בלאָנדזשעט די לבנה
ערגעץ ווו ?
ערגעץ וועלט !...

אלישמש

אויפֿן יום־טובֿ פֿון פֿאַרבן
האָב איך דעם מײַסטער געזען
דאָס פּנים געררונצלט אין קאָרסן
די אויגן אין כּישוף געווען.

ווענט באַהאַנגען מיט זײַנע געמעלן
זילבער־שטראָמען, שוימיקע וואַסער־פֿאַלן
יעגער דורך ווײַסע פּערל־ציין קוועלן
דער וואַלד דורכגעזיפּט פֿון זון־שטראַלן.

צווישן פּרימיטיוון בײַ פֿרעמדע שוועלן,
דער מײַסטער האָט גבֿורה געזען — —
זײערע טענץ, זײער קינדערשער קוועלן
תּענוג פֿאַר זײַן מידן האַרץ געווען.

די זון — אַ פּאַליטרע אויף זײַן האַנט:
געמישט זיבן פֿאַרבן אין איין געזאַנג
פֿון יונגע טעג דער גרײַז ער אַנט
איצט — אויפֿן שוועל פֿון זון־פֿאַרגאַנג.

דערצייל, דו קלוגער וואָגלער

פאַר משה שטיינגאַרט

פאַרקליבן האָט זיך די זון
אונטער אַ וואָלקן שוואַרץ ווי טינט,
ווי אין פאַבל די גילדערנע הון
האָבן פעדערן געשויבערט אין ווינט.

האָב איך אין שענק זיך פאַרקליבן —
צווישן טאָוולען געטרונקען לויטערן ווײַן;
גלויבן, חלום, פאַרקריצט־פאַרשריבן —
כ׳האָב פאַרשיכּורט מײַן ווייטיק, מײַן פּײַן.

האָבן בלעטער צווישן פינגער געפלאָטערט,
ווי פייגל אין פאַרנאַכטיקן קרײַז;
טאָג איז בײַם שוועל געלעגן פאַרמאַטערט,
ווי נאָכן וואָגל דער מידער גרײַז.

דערצייל דו קלוגער וואָגלער
פון דער חכמה אויף דײַן לעבנס־וועג,
האָסטו באַגעגנט איינעם מיט פולע לאָגלעז
פרייד, אין גאַנג פון דײַנע טעג?

אַ דעמבענער טיש

לזכר בערטע קלינג

ערגעץ האָט מען וועלדער אויסגעהאַקט,
קאַרשן־ביימער, דעמבענע און צעדער, —
האָט מען פונדאַמענטן אויסגעלייגט
און געשניצט אַ הענטל מיט אַ פעדער.

געצייכנט האָט מען פּלענער און געצייכנט,
אַט שטייט אַ טיש אויף ליכטיקע יסודות, —
אַבאַזשורן דעקן איבער לאָמפּן צעצונדן,
אָדלער טוען דאָ קרײַזן — הונגעריקע עדהס.

פון סיביר קומט איינער, אין אָטעם אין הייסן,
בליט זײַן בלאָנדער קאָפּ — אַ פעלד מיט זאַנגען;
דורך „פּוילישע וועלדער" שפּאַנט דער מײַסטער,
פון „קענטאַקי" ברענגט איינער אַ קראַנץ געזאַנגען.

„ימים רווישן" האָט דער רייזנדער אַליין געזונגען,
„גרינע פעלדער" טוען ביז הײַנט דאָ בליִען —
אין דער מיר „אַרום מיל" שטילע וואַסערן צעזונגען,
שלווה פון די קאָרן־פעלדער טוט אַהער זיך ציִען —

„פריידקע" האָט אַפיר געברענגט איר שווערן יאָר, —
די זינגערין — איר צושטייער האָט דערפרייט;
אברהם משה, מיט זײַן עשירות האָט געפּלאַטערט.
פון אייביק־אָן שמעלצט די זון איר גאָלד און פאַרגייט —

אַט שטייט אַ טיש אויף ליכטיקע יסודות,
אַ צאַרטע האַנט פאַרהיט יום־טובדיקן זויבער;
יעדער געוועב דערציילט פון שוועבנדיקע אָדלער,
אויגן טובלען זיך אין יענעם וווּנדערלעכן צויבער.

אין יענע טעג

הונדערט פרילינגס בליען מיטאַמאָל.
א. טאַבאַטשניק

אין יענע טעג
מיַין חלום —
לענגער געווען
ווי די נאַכט.

מיַין וועג פאַרנומען
אויף ייִדיש־עוועניו,
זינגער געטראָגן
פלאַמיקן ניגון
אַנטקעגן —
בעלי־חלום.

אין יענע טעג
געהערט לייענען
באַלאַדעס, סאָנעטן,
אָדעס צו דער זון.

פלאַמיקע זינגער:
געשטראַלט
געקריגט
אין זייער יצירה.

אין יענע טעג.

*

צײַט האָט אויסגעטאָן
— קרוין
פון קאַפּע ראָיאַל.
שטיל אויף ייִדיש־עוועניו;
בלאָנדזשען ייִדיש־זינגער
בלאָנדזשעט
פלאַמיקער ניגון...

דער מאָנומענט

אויפֿן הימל שווימען דרימלענדיקע וואָלקנס,
אָוונט-שלייערן הילן איַין דעם מאָנומענט,
די שיף „מעין" געזונקען פֿון שפּאַניער
בעת קובאַס באַפֿרייַונג-מלחמה.

איַינגעשלונגען האָט דער ים
אַכטהונדערט מאַטראָסן אין זייער שלאָף,
מיט דער אַמעריקאַנער שיף „מעין",
פֿאַר אַ באַפֿרייַטער קובאַ פֿון שפּאַנישן יאָך.

שטייט דער מאָנומענט אונטערן
בלויען קופּאָל, אויף מאַנהעטן,
פֿייגל באַפֿליגלען דאָס ווערק, —
אויפֿן האָרן רופֿט אַ ייִנגל: לזכּר!

טעג

טעג, מײַנע, בלינדע
עפנט זיך אויף —
דורך ווינטן לינדע
כ׳זאָל דערהערן אַ רוף:
כ׳זאָל פאַרנעמען אַ קלאַנג,
אַ ניגון, אַ פריידיק געזאַנג.

טעג אַזוינע
זענען שוין געווען;
טעג אויך שיינע
איך האָב געזען.
איך ווייס נישט פון וואַנען
צעפלייצט האָבן זיך פאַנטאַנען

און געזונגען
מיט זילבער־קלאַנגען;
עס האָט געקלונגען —
דאָס האַרץ צו פאַנגען.
זענען אויפגעלויכטן טעג
אויף מײַן זוניקן וועג.

דער הירש

א.

פֿאַרגאַפּט איז דער הירש
געבליבן שטיין אויף אַ באַרג
אין צעבליטן קראַטאַנאַ־פּאַרק,
אין זײַנע צווײַגן־הערנער
דורכגעפֿלאָכטן אַזור־בלויע ליכט.
די זון ט׳אויסגעגאָסן איר ווײַן
אין מערב־זײַט
בײַם געזעגענען דעם טאָג.

ב.

דורכן וואַלד איז דער הירש געלאָפֿן,
אין פֿלאָנטער מיט זײַנע שטעקל־פֿיס;
דורכן וואַלד האָט דער יעגער געטראָפֿן:
אָפּגעשטעלט דעם שווונג פֿון די הירשן־פֿיס.

דאָס פֿעלעכל וואַרעמט די ביינער פֿון חנה־דוואָשע,
די צווײַגן־הערנער הענגען אין „זו״ אויף דער וואַנט;
דער יעגער שמייכלט, מיטן שמייכל פֿון אַ רשע —
דורכן וואַלד, אויף יאַגד ער שפּאַנט — — —

אויפֿן פֿעלד בלאַנקען די שטעקל־ביינער,
קינדערלעך שפּילן אַ שטעקל־געפּעכט;
ווי די קריגער מיט פֿאַרביסענע ציינער,
שלאָגן זיך, פֿאַר אַ וועלט אַ „גערעכטער״ — — —

אותיות פיר־קאַנטיקע

אותיות האָבן זיך אָפּגעטאָן פון בלעטער,
דורך טאָוולען, דורך טיר און דורך ווענט;
ווי פייגל געשוועבט אין זוניקן בלענד, —
דער וווּנדער ט'נגלה־ווערן שפּעטער.

פּלוצים זענען וואָלקנס ווי בופלאָקסן אַנגעלאָפן
און באַשווערט די ליכטיקע הימלען די זיבן, —
געשטורעמט האָבן ווינטן און די וואָלקנס צעטריבן,
האָבן זיך אותיות אויסגעשטעלט ווי שורות אין סטראָפן:

„אונטער גמרא־בלעטער האָסטו ערשטע לידער באַהאַלטן,
אויף דער לענאַ זענען מיר מיט דיר געשווומען,
געפלאַטערט צווישן ביימער אין וואַלד אינעם אַלטן.“

די פיר־קאַנטיקע אותיות האָבן זיך הכנעהדיק געבוקט,
דער מײַסטער, אַ געלײַטערטער האָט אויפן וווּנדער געקוקט.

קונסט און קינסטלער

נאָררא

מיט־נאַכט רוישט —
נאָראַ
וואַכט אויף
מיט חלום אין האַרץ.
איך וועל טאַנצן
טאַראַנטעלאַ־ *
טאַנץ.
איך וועל שוועבן
איבער אָרביטן,
איבער אָאַזיסן
אַראָפּקוקן אין תּהומען
וואָס רודערן.
כוואַליעס
רײַסן־אויף גרונטן
שליידערן
שוים אויף
ברויזנדיקן ים.
פּלאַנעטן קרײַזן
אונטער שטערן
איך וועל שוועבן
אין חלל — — —

אונטער הימל־קופּאָל
צו מײַן
פרײַ
לעבן,
צו
זיך — — —

---

* טאַראַנטעלאַ — אַ גיפטיקע שלאַנג.

פרילינג

פאַר קאַדיע מאָלאָדאָווסקי

ווײַסע בערן,
ציגן, גענדז,
בליִעןביימער,
הענגען פרענדז.

שוואַנען שווימען
אויף זילבער־טײַכן,
פערדלעך יאָגן
אין ווילדן פרײַכן.

שטייען ייִנגלעך,
מיידלעך טאַנצן,
ווינטן וויגן
בלומען קראַנצן.

הימלען וויקלען
בלויען שלייער
פון באַרג קומט אָן
אַ פרילינג־גייער.

טראָגט דער גייער
פולע קוישן
און די טײַכן
רוישן, רוישן.

אויף איין אַקסל
אַ בינטל שטראַלן,
פון באַרג יאָגן
וואַסער־קוואַלן.

אויף איין אַקסל
אַ קויש מיט לידער —
מעשׂהס שיינע
דערפרייען גלידער.

זינגען קינדער
צום פרילינג־גייער,
טעג זיך וויקלען
אין בלויען שלייער.

סײלעס מאַרנער

איך שרײַב צו דיר
סײלעס מאַרנער,
אין שעה פֿון אומעט
דו באָדסט דײַנע פֿינגער
אין מטבעות.

איך באָד מײַנע פֿינגער
אין אותיות,
אותיות קײטלען װערטער
— ייִדיש־װערטער
ייִדיש ליד.

באַרויבט
האָט דיך דײַן פֿרײַנט:
— דער מסור —
פֿון פֿרייד פֿון גליק
ביסטו געגאַנגען דעם עלנט־באַרג.
דײַן צער פּאַרטרויט דער נאַכט
דײַן צער פּאַרטרויט די שטערן.

אין שעה פֿון פּײַן
ציילסטו דײַנע אימפּעריאַלן —
מטבעות זענען קאַלט, פּוסט,
אַפֿילו געמינצט פֿון גאָלד.

אותיות —
ייִדיש־אותיות צייכענען:
נס,
חלום,
אייביקײַט.

וואַן גאָג

וואַן גאָג —
דײַנע פעלדער
אויסגעצײַטיקט.

ווייצן, קאָרן,
אויף גרינער ערד
הוידען זיך
זאַנגען
געוויגט פון ווינט.

קומען שניטער
מיט געזאַנגען
בינדן גאַרבן —
תּבֿואות אין די מילן
לויכטן ברויטן ווי די זונען
פון אייגענער מי.

דײַנע הערלעכע געמעלן
אין בונטע פאַרבן
פלייצן איבער וועלטן
דײַן זון־רויז:
נעקטאַר
פאַר יצירה.

טרוימעריַי

פאַר יאַני פּײַן

בלאַנדזשען
קרײַזלערס פינגער
זוכנדיק שומאַנס ניגון
חלום
צינדט
נעקטאַר
אין האַרץ
פון סטרונעס
וואָס ליגן
אויסגעצויגן
נאָכגיביק
אויף האַרץ
פון פידל.

כּישופן
שומאַנס
פינגער
אין מורא —
זוכנדיק
קלאַרקייט
אין מוח —
אויסזינגען
דאָס געטלעכע
אין אוצר
פון ניגון.
בלאַנדזשען
קרײַזלערס פינגער
זוכנדיק —
שומאַנס חלום.

חותם

„און ווי דער ווײַסער מאָרגנשטערן
וועל איך פאַרשמייכלען — און ניט ווערן...״
ה. רויזענבלאַט

פינגער פלעכטן צעפּלער פון קינד,
און שלייפלער וואָס פלאַטערן אין ווינט.

פינגער זייען ווייצן און קאָרן,
און שפּײַזן דורות דורך די יאָרן;

פלאַנצןביימער און יעטן די גראָזן,
בויען היימען פאַר מענטשן און האָזן.

פינגער באַנייען און באַשוכן בני־אָדם,
וועבן דאָס לײַוונט און שפּינען דעם פאָדעם;

דרייען קנייטלער און צינדן הבדלות —
דאָס ליכט זאָל לײַכטן איבער מענטשן־מזלות.

פינגער לאָזן אַראָפּ די אויגנדעקלער פון אַ מת —
מיטן ליכט פון דער וועלט וויל זיך ניט שיידן דער מת.

בלײַבט זײַן חותם אומעטום, אומעטום:
אין ליכט פון טאָג, אין בוים, אין בלום;

יעדער ווינקל אין שטוב, יעדער ביכער־שאַנק,
דערמאָנט אין זײַן קול, דערמאָנט אין זײַן גאַנג — — — —

פונקען

— פונקען
געצונדן
די מנורה
האָט
האַנט
פון
השגחה.

אין
חלל
פליִען
פונקען
באַלײַכטן
וואָלקנס
אונטער
גאָטס
אַש גרויען
הימל...

פערגינט

אין שעה פון בין־השמשות
גייט אויף פאַר מיר
עדוואַרד גריגס
באַגינען.
דורך זייַן יצירה
טאַנצט אַרויס
אַניטראַ
אין איר כּישוף
אין איר רייץ.

וואַנדערט גריג
אויף אַקסל פון בערג
אַרויף
אַרויף
ביזן רונד —
זוכנדיק איבסענס
הילדאַ.

ניגון

שפּיל אַ ניגון
אויף דײַן פלייט
אַ ניגון —
צו פאַרגעסן.

סטײַעס פייגל
צייכענען שורות
אונטער בלויען קופּאָל.

פליִען
סטײַעס פייגל
מיטן ניגון
ערגעץ ווו —

פליִען
סטײַעס פייגל
מיטן ניגון
ערגעץ וועלט?

ברויט און רויזן

דער פויגל האָט פון שטרויענאָדלען
געפלאָכטן, געבויט אַ היים, אַ נעסט,
מענטש איז חידוש געלערנט פון פויגל:
פלעכטן און בויען, אַ היים אין פּאַרמעסט...

נאָך דער שטיין־עפּאָכע מענטש פון הייל איז אַרויס,
חלומט ער —
ער בויט דער אייביקייט פּאַרטרויט:
גראָבט מיטן אַקעראײַזן, פלאַנצט פעלד און וואַלד.
ברויט פאַר בני־אָדם, פאַרן גאַנצן באַשאַף.

בײַם האַמערן אויפן אַנוויל צעפליִען זיך פונקען,
בײַם שמידן צווײַגמעסערס זינגט דער שמידער אַ ליד:
„מענטש בויט בנינים,
מענטש בויט מאָנומענטן,
מענטש בויט טעמפּלען,
ווייל מענטש אויך רויזן בײַם עסן זײַן ברויט — — —"

פאַרנאַכט ביים האָדסאָן

דער פאַרנאַכט האָט געסודעט
מיט שטילקייט, מיט שלווה,
כ׳בין פאַרבײַ געפאָרן
דעם זילבער־טײַך האָדסאָן
ווו כ׳פלעג אין מײַן אומעט
טרויען טריבע שעהען.

דער רחבותדיקער טײַך —
מיטן חלום פון הענרי־און־זון,
ווו זייערע ליכטיקע ביינער רוען,
שווימען באַרזשעס און יאַכט־שיפן
פירן בענקשאַפטן פון מענטשן
ווײַט, ווײַט ווו חלומות בליִען.

אַנטקעגן לויכטן פּאַלאַצן,
פענצטער שפּיגלען אָפּ
לעצטע שטראַלן פון דער זון.
הענגט וואַשינגטאָן־בריק;
אַ ריזיקע פישער־נעץ
דורכזיפן אומעט פון
פאַרגיין...

אויפן זוניקן הימל

שעפּעלעך אויפן זוניקן הימל
געקרויזלט און ווײַס די וואָל;
בלאָנדזשען שעפּעלעך אין דרימל
בלײַען בערגלעך און דער טאָל.

צײַטיקן אויף בערגלעך גראָזן,
פול איז אויך דער גרינער טאָל;
יאָגן איבער וועגן גרויע האָזן
רופט דער פּאַסטעך אויף אַ קול.

ציִען שעפּעלעך נאָך זײַן רופן,
הוידעט זיך אַ פעלד מיט וואָל;
זון־שטראַלן מיניען זיך און שופן
ריזלט דאָס טײַכל — ריין קרישטאָל.

צופּן שעפּעלעך גראָז אויף בערג,
שפּילט דער פּאַסטעך פּאַרנאַכטיקן ניגון;
פרייט זיך דער היטער מיט גאָטס ווערק
און טוט די וועלט מיט גאָטס ניגון דערקוויקן.

אויף ווײַסע מאַרבל־טרעפּ

א

מײַן גלויבן ווײַסער איז פון שניי,
הינטער זיך געלאָזן פּראָסטיקן וועג.
אויף טרעפּ צווישן מאַיעסטעטישע לייבן צוויי
געשפּאַנט אַרויף, אַרויף צום היכל
אין גײַסט פון ש״ע׳ס לויטערן שמייכל,
ביכער קוקן אַראָפּ מיט חכמה פון צײַטן
פינגער דערוואַרעמט, אין ציטער ווי אַמאָל
טויכן אויף טעג — ליכטיקער קרישטאָל.

אין ביבליאָטעק בײַם לאַנגן דעמבענעם טיש
פּלאָטערן בלעטער, מען מישט, מען זוכט,
אַן עלטערע פרוי דער זילבער־קאָפּ פאַרקלערט
אין דמיון שווימען אויף פאַרלוירענע טעג —
אַנטקעגן אַ שוואַרץ חנעוודיק מיידל זוכט באַשייד,
מאָטל פּייסיס „קוואַס האַנדל״ פּיבערן אירע פינגער
שטיפט ליכטיקער יתום, דער פרייילעכער זינגער.

מאָטלס ברודער, עליע, האַנדלט מיט פּעסער טינט
צו באַשרײַבן די וועלט אין גרויס האַנדל־וואַנדל,
כתרילעווקער יידן שמײַען אין זײַער האַנדל־וואַנדל;
יעהופּיץ דאַרף קוואַס, יעהופּיץ דאַרף פּעסער טינט!
זאָרגן יידן־סוחרים אין זייער שווערן האַנדל־געמיט
יאָגן, יאַגן, איבעריאָגן פאַרשײַטן ווינט!

אויף ווײַסע מאַרבל־טרעפּ שפּאַן איך שוין יאָרן,
מאַיעסטעטישע לייבן צוויי באַשיינען דעם וועג
אין דמיון טויכן אויף פאַרלוירענע טעג —
דאָס בלומען־פעלד דורכגעשטאָכן פון דאָרן.

ביַים דעמבענעם טיש זיצט ניט די עלטערע פרוי,
דער קאָפּ פון שוואַרץ חנעוודיקן מיידל בליט שוין אויף גרוי.

ב

אויף ווייַסע מאַרבל־טרעפּ.
צווישן שווייַגנדיקע לייבן,
געגאַנגען בין איך יאָרן
זוכנדיק דעם וועג צו זיך.
אין יענעם היכל רוען אוצרות
וואָס האָבן אַ סך, אַ סך צו געבן —
שטראָמען מענטשן אין הונגער,
שטראָמען מענטשן אין נייַגער
צו שטילן הונגער,
צו לעשן דורשט.

בעל־חלום

נעם אַרויס
כּישוף
פון דײַן
פּאַלעטרע
פּאַרזיי
אין וואָלקנס —
ליכטיק
זאָל
זײַן!

ווײַסע דעכער

פֿאַר מײַן פֿענצטער, ווײַסע דעכער
דערפֿרייען מײַן געמיט.
הייב איך הויך אַ פֿולן בעכער
צום פֿרײַנד מיט ערלעכע טריט;

פֿאַר מײַן פֿענצטער פֿלאַטערן פֿעכער
דערפֿרייען מײַן געמיט.
הייב איך הויך אַ פֿולן בעכער
צום פֿרײַנד מיט איידעלע טריט.

גילדענע בינען

גילדענע בינען,
זענען אַוועקגעפלויגן
פון דאַנען, —
דעם זומער פאַרנומען,
דעם זומער פאַרנומען.

גילדענע בינען
פלעגן אין אויערן
פון בלומען
סודען מיט האָניק,
סודען מיט האָניק.

גילדענע בינען
פלעגן אויף שפּיצן
פון זאַנגען
מיט שטראַלן פון זון
זיך וויגן און וויגן.

גילדענע בינען
זענען אַוועקגעפלויגן
פון דאַנען —
דעם זומער פאַרנומען,
דעם זומער פאַרנומען.

ייִוואָ־אַרכיוו

אין אַרכיוו זויבערן אוצרות —
אויף ווײַסע בלעטעלעך בליִען נעמען,
אויף פליגל פון טויבן רוט דער ווינט
דעם שליסל וועט דור לדור אין האַנט נעמען
און היטן אוצרות — גאָלדענעם קווינט —
אין אַרכיוו,
ווו ס׳לויטערן נעמען — — —

פֿאַרענדיקט קאַפּיטל

פֿאַרענדיקט
קאַפּיטל,
באַלויכטן
מײַן שרײַן:
אוצרות
ייִדישע.

ווײַסע וואַלקנס
געיאָגט
ווײַסע וואַלקנס
פֿון
האָריזאָנט
צו
האָריזאָנט.

חלום —
געצייגן
הויך
הויך
אַנרירן
פֿרייד
פֿאַרן עלנטן.

מנורה —
יצירה־פּלאַם
לעולם
ועד.

אינהאַלט:

קונסט־קריטיקער

ערשטער קונסט־קריטיקער . . . 9
חומר 10
אויף פליגל פון צייַט 11
חומש־מאַטיוון 12
✶ (אין יענע טעג) 13
זיבן פאַרבן 14
אויף באַפרייַטער ערד . . . 16
דער וואַלד רוישט 17
ווי אין חלום 20
היימלאַנד 21
רחל 22
חוהס וויג־ליד 23
✶ (אויסגעשטראַלט), ✶ (ווייַסע קישעלער) 24
דאָס ערשטע וואָרט 25
בין השמשות 26
✶ (איך וויל) 27
פונקען 28
וואָרט 29
אַ זונרויז פאַר מייַן פענצטער . 30

פרינץ פון ליד

פרינץ פון ליד 33
✶ (מיטן יינגסטן) 34
דער ווייַסער זייַדע 35
דעם טאַטנס ניגון 37
אין איר פרדס 38
✶ (דורכגעווייטיקט) 39
פאַרשפעטיקט 40
גאָטס מתנה 41
פרדס צעבליטער 42
אין דאָקטאָרס וואָרט־צימער . 43
אויפן עראָפּלאַן 44
נאָר דו 45
ערגעץ דרומלען לידער . . 46
מייַן געבעט 47
אפשר 48

שעה פון געזעגענען

האַרבסט, א׳־ב׳ 51
שעה פון געזעגענען א׳־ד׳ . . . 52
איר געזאַנג 54
שרה בת־טובים 55
אַ מתנה 56
אין מערב־זייַט 57
אַנקום פון טאָג א׳־ב׳ 58
דער בלינדער 60
אין זכּרון בליט־אויף א׳־ב׳ . 61
די מעבל־פוצערין 63
די נעגער־סטודענטקע 64
דערוואַכט 65
דער פריצישער ברונעם . . . 66
פאַרשניטן 67
מאַרטשעבענק 68
דאָס ערשטע וואָרט 69
דאָס טורעם־הויז 70
שקיעה 71
אונטער אָפענעם הימל 72
האַרבסטיקע ווינטן 73
צו אַ וועווריקל 74
אויף יענער זייַט פריפעט . . 75
אויף אַ אינדזל 76
שנייַ אין מאַנהעטן 77
מאַנהעטן — אַ מאָל אַ מאָל . 78
אויפן אינדזל מאַנהעטן . . . 79
דרייַ ניגונים 81
✶ (איינמאָל) 82
✶ (די היימאַרקעט) 84

בריוו

✶ (דאָ —) 87
אַ בריוו צום זייַדן 88
משה לייַב האַלפּערן 90
ר׳ שלום עליכם דערציילט . . 91
בריוו 92
דער ווייַסער אָדלער 93

ראַדענס יצירה 95
אלישמש 96
דערציייל, דו קלוגער וואַגלער . 97
אַ דעמבענער טיש 98
אין יענע טעג 99
✶ (צייַט האָט) 100
דער מאָנומענט 101
טעג 102
דער הירש 103
אותיות פיר־קאַנטיקע 104

קונסט און קינסטלער

נאַרראַ 107
פרילינג 108
סיילעס מאַרנער 110
וואַן גאָג 111
טרוימערייַ 112
חותם 113
פונקען 114
פערגינט 115
ניגון 116
ברויט און רויזן 117
פאַרנאַכט בייַם האָדסאָן . . . 118
אויפֿן זוניקן הימל 119
אויף ווייַסע מאַרגל־טרעפּ א׳־ב׳ 120
בעל־חלום 122
ווייַסע דעכער 123
גילדענע בינען 124
ייִוואָ־אַרכיוו 125
פאַרענדיקט קאַפּיטל 126

הינדע זאַרעצקיס ניגון

צו דער דערשיינונג פון הינדע זאַרעצקיס לידער־זאַמלונג „דער פערטער ניגון", איז דורכגעפירט געוואָרן אַ ליטעראַריש־קינסטלערישער אָוונט אין אטראַן־קולטור־הויז, ווו עס האָט זיך פאַרזאַמלט אַ זייער חשובער עולם שרייַבער, קינסטלער און פרייַנט פון דער ייִדישער ליטעראַטור. מיט אָפּשאַצונגען וועגן דער דיכטע־רין זענען אויפגעטראָטן **אפרים אויערבאַך**, וועלכער האָט גערעדט וועגן איר שעפערישקייט, דער פאָרעם פון די לידער און דער רייכקייט פון איר שפּראַך; און יעקב פּאַט, וועלכער האָט זיך פאַררופן אויף דער רייַכער טעמאַטיק פון סאָציאַלע, נאַציאָנאַלע און אַמעריקאַנער מאָטיוון אינעם בוך.

(פון דער ליטעראַטור־כראָניק)